פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע זעה 18. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 20 זייטען

לאדזשער פאלקסבלאט

№ 116	Łódź, Piątek, 19 maja 1933 r.	עלפטער יאהרגאנג	לאדז, פרייטאג, כ״ג אייר תרצ״ג	№ 116

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

„סקאלא"-טעאטער שרודמיעסקא 15

דער סוד
פון אקטיארס ערפאלג ליגט
אין זיין אויפריכטיגן אמת.
פאלשע טרעהרען ווירקען
נישט. „אסתר'ס" טראגיש
לעבן — איז אויף דער בינע
מיין לעבען.
לוסי גערמאן

מיר פערזיכערן פייערליך, אז
„מאמע און
שוויגער"
שפילען מיר אין לאדז
נאר ביז מאנטאג

אויב גלויבען בעגייס-
טערט,—מוז דער אקטיאר
ארויסרופען ביים עולם א
הייליג גלויבען. אין דא-
זיגען גלויבען ליגט
מיין סוד
מישא גערמאן

היינט, פרייטאג, 9 אווענד, מארגען, שבת, 4 נאכמ. און 9 אווענד
זונטאג און מאנטאג — די לעצטע 4 טעג!
מ. ווינדער פרעזענטירט די גרויסע קינסטלער
לוסי און מישא גערמאן
אין דעם סענסאציאנעלען פאמיליען-פאלקס שטיק אין 3 אקטען פון קאלמאנאוויטש.
רעזשי: מישא גערמאן

„מאמע און שוויגער"

לוסי גערמאן אין דער טרא-
גישער ראל „אסתר",
מישא גערמאן אין דער ראל
אלס דער פאטער „לאזאר"

צעהנדליגער טויזענטער
מענשען האבען שוין מיטגע-
לעבט, מיטגעוויינט און מיטגעלאכט
מיט „אסת-ר'ס" ליידען און פריידען.

זונטאג, דעם 21-טען מאי ד. י., 12 פארמיטאג 3-טע פרימארגן-פארשטעלונג
פאר ארבייטער-אינטעליגענץ. פרייזען פון 50 גר. ביז 1.50

מארגען, שבת בייטאג צו פאפולערע פרייזען
פון 60 גר. ביז 2.20 זל.

צום לעצטען מאל
מיט לוסי און מישא
גערמאן
„מאמע און שוויגער"

דינסטאג, דעם 23 מאי
פרעמיערע! 2-טע גרויסע אויפפיהרונג
„אזוי איז דאס לעבען"
שפאנענד לעבענס-בילד אין 2 גרויסע אקטען און 10 בילדער פון ה. קאלמאנאוויטש.
מוזיק: ש. סעקונדא. רעזשי: גערמאן. ס'איז ספעציעל אנגאזשירט געווארען דער טאלאנטפולער ארטיסט מרדכי הילסבערג. עס בעטייליגט זיך דער גאנצער גוט-איינגעשפילטער אנסאמבל. מיט'ן ארקעסטער פיהרט אן דוד בייגעלמאן. טעכנישער לייטער: קלמן גוטמאן.
בילעטען צו באקומען ביי דער קאסע פון טעאטער.

גאנץ לאדז! גרייט זיך צו דער גראנדיעזער גארטען-פערוויילונג אין העלענאוו
דאנערשטאג, דעם 1-טן יוני ד. י. (2-טער טאג שבועות) מיט א גאר אינהאלטסרייכען פראגראם און א סך אטראקציעס
די הכנסה לטובת די שולען און קינדער-היימען ביים מעדעם-קוראטאריום אין לאדז.
גענויערס קומט

יוד. סאצ. ארב. פארטיי „פועלי-ציון" (פער. מיט צ.ס.פ.) לאדז. • זאל „פילהארמאניע" נארוטאוויטשא 20
מיטוואך, דעם 24-טען מאי ד. י. 8.30 אווענד, קומט פאר
א גרויסער מאסען-מיטינג
(צום 18-טען ציוניסטישען קאנגרעס)
מיט רעדעס וועלען ארויסטרעטען די ח״ח
ברוך צוקערמאן (אמעריקא)
ל. לעווין, ה. קרוי, י. ראבינאוויטש
בילעטען צו בעקומען: פועלי-ציון, פיעטריקאווער 83; „החלוץ", וואלטשאנסקא 52; „קבוץ בארבאוו", אגראדאווא 9; „השומר הצעיר", פיעטריקאווער 116; מ. הערשקאוויטש, נארוטאוויטשא 38.

צו דער חתונה פון אונזער חשובן מיטגליד
ה׳ יוסף גאלדפארב
מיט פרל. פערל ליס
ווינשען מיר א הארציגען מזל טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.
חברה „כנסת בחורים" בלודז,
6892 פעפער-גאס 17.

מזל טוב
צו דער חתונה פון אונזער ווערטע פריינדין
פרל. פאלא ליס
מיט ה׳ יוסף גאלדבערג
ווינשען מיר א הארציגען מזל טוב און א גליקליך צופרידען צוזאמענלעבען
2649
אדעלא מינסקא, סאלא גאדיוער
פאלא סקורי, עווא ראטער,
חיים מינסקי, משה פייבישעוויטש,
פרץ זיסער, יעקב טייכמאן.

אונזער ווערטע פריינדין
פרל. פאלא ליס
צו איהר חתונה מיט
ה׳ יוסף גאלדבערג
אונזערע הארציגע ווינשען
מאיר פאטאצקי און פרוי,
הערשל ראזענבוים און כלה,
חיים פאכעל און כלה,
שלמה ראלניצקי און כלה.

Z intencji zaślubin
p. HENRYKA LUBOChIN2KIEGO
zp. FELICJĄ KANINSKĄ
życzy wiele szczęścia i świetnej przyszłości 1997
Leonostwo Zarzewscy.

צו דער פארלאבונג פון מיין ליבע שוועסטער
פרל. סאלא אפאטאווסקא
מיט ה׳ לעאן שייז
ווינש איך א גליקליך צוזאמענלעבען
פישעק אפאטאווסקי.

מזל טוב
צו דער פארלאבונג פון אונזער ליבען זוהן 2997
איגנאש לאסמאן
מיט פרל.
סאראלא עקשטיין
ווינשען מיר א הערציכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
מוטער און ברודער
לאסמאן.

עפענטליכע אויפאדערונג

איך פאדער אויף דעם ה׳ שבתי אסעלקא בזשעזשינער 63, און שלום שטערנשוס פעפער-גאס 9, אז זיי זאלען אין משך פון 3 טעג אפנעהמען די זאכען פון טשארנא אסעלקא ביים באלוטער רב, אין געגענפאל וועל איך אפשיקען איהרע זאכען צום שידלאווער רב און פון היינטיגען טאג אן געפינט זי זיך אונטער אייער אויפזיכט און איך טראג מעהר נישט קיין שום אחריות פאר איהר לויט׳ן פסק-דין פון באלוטער רב.

מיט אכטונג
שמואל אסעלקא זגעזשער 9.

„כרמל"
פאסטע פאמעראנטשאווי
צו לאדעס
צו בעקומען אין תוצרת ארץ-ישראל
לאדז שרודמיעסקא 3.

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציאל-ארצט פאר הויט-און געשלעכטס-קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
עמט אן פון פון 2—3 און פון 6.30 ביז 8 אווענט, זונטאג פון 10—1 בייטאג.
אלע ארט אנאליזען.
פאר ארבייטסלאזע לעטשניצע פרייזן

ווייכטיגע נייעס!

„עסיס" (קאנסערווירטער ארץ-ישראל-פאמעראנץ)
„עסיס" איז איינע פון די בעסטע פערהיטונגס-מיטלען געגען פערשיידענע קראנקהייטען צוליב דעם, וואס ער ענטהאלט א גרויסע צאהל וויטאמינען און אלקאלישע פיגערא-זאלצען.
„עסיס" איז א זעהר גוט געטראנק פאר שוואכע און קראנקע.
„עסיס" איז א זעהר הירקזאם מיטעל פאר קינדער, ווייל עס ענטהאלט דעם זעלבען וויטאמין ווי מרגן.

זארגט פארן געזונד פון אייערע קינדער!
גיט זיי דעם „עסיס" (קאנסערווירטען פאמעראנץ), וועלכע איז אנערקענט דורך די בעסטע דאקטוירים אין פוילען.
צו בעקומען אין „תוצרת ארץ-ישראל", שרודמיעסקא 3, טעל. 193-42.

פאר
מאגענליידנדע
ראבארבער-וויין
אין פרימא-קוואליטעט
צו ביליגע פרייזען.
צו בעקומען אין וויינהאנדלונג פון
E. SZYKIER
Północna 1, tel. 107-84.

פאר
גאלד, ביזשוטעריע
און לאמבארד-קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
איזידאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

בריליאנטען, גאלד,
זילבער, פערשיד. ביזשוטעריע, לאמבארד-קוויטעס קויפט און צאהלט די העכסטע פרייזען
Magazyn ujbilerski M. H. LISSAK, Piotrkowska 5



דראט-צוימען
דראט - פלעכטונגען און געוועבען צו זעהר פערקלענערטע פרייזען עמפ-פעהלט די פירמע
RUDOLF JUNG
Łódź, Wólczańska 151, tel. 128-97.
געגרינדעט אין יאהר 1894.

אויגען - קליניק
מיט שטענדיגע בעטען פון
Dr. B. Donchin
פיעטריקאווער 90, טעלעפ. 221-72
נעהמט אן שטענדיגע אויגען - קראנקע (צוועק אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולאטארישע פון 9 ביז 1 און פון 4 ביז 7.30 אווענד.

Dr.
Wajnberg
ספעציאליסט פון נאז-, האלז-, הארץ- און סקלעראז-קראנקהייטען
ציגעל-גאס 11, טעל. 126-02
נעמט אן פון 9—10 פריה, 3—4 און 8—9 אוו.

Dr. med.
Berman
צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07.
ספעציאל-ארצט פאר הויט- און געשלעכטס-קראנקהייטען, מענער-שוואכע - בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.
נעמט אן פון 8—11 פריה און 4—8 אווענד, זונטאג פון 9—1 בייטאג,
פאר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע-פרייזען.

כירורגישער קאבינעט
Dr. Szreiber
איז געווארען איבערגעטראגען אויף
Narutowicza № 9
tel. 122-95.
אפעראציעס, אפאטרונקעס, המלט ושילאקעס או"ח
הייליאנשטאלט-פרייזען.

מתיבתא גבוהה לתלמוד ולהוראה
על יד מוסדות החנוך
„דרכי נעם"
של ג. א. ליסס
לודז, קילינסקי 50, תלפון 215-26

דאנערשטאג
פ׳ במדבר הבע״ל
דעם 25-טען מאי 1933
פינקטליך 6 אווענד קומט פאר
אין פילהארמאניע-זאל
נארוטאוויטשא 20

זאל
פילהארמאניע
לאדז,
20 נארוטאוויטשא 20

דער פייערליכער אקט

פון צוטיילען די היתר הוראה׳ס די תלמידים פון אויבענדערמאנטער מתיבתא
„דרכי נעם׳ס"
צוזאמען מיט אנ׳עפענטליכען ארויסטריט פון די תלמידים פון לאדזער און ווארשאווער
באלקאן ספעציעל רעזערווירט פאר פרויען.
בילעטען צו בעקומען אין די קאנצעלאריעס ביים „דרכי נעם": לאדז, קילינסקיעגא 50, טעל. 215-26, אל. 1 מאי 20, טעל. 200-43. ווארשא, שוו. יערסקא 34, טעל. 11-15-98.
די לייטונג.

צו דער חתונה פון אונזער ליבען פריינד
חיים אשר לובאכינסקי
מיט פרל. פעלא קאנינסקא
ווינשען מיר זיי א הארציגען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען, און די עלטערן ווינשען מיר צו דערלעבען פון זיי פיל נחת.
משה ווראנא און פרוי
יודל רעמבאלינסקי און פרוי 2646

דער לאדזער יודישער קליינהענדלער-פעראיין פון פרוכטען-געמיזע ביי דעם גרינעם מארק, ארדענט איין זונטאג, דעם 21 מאי ד. י. 5 נאכמ. אויף בענעדיקטא 25

א מאסען-פערזאמלונג

מיט׳ן אנטייל פון אונזער טהרען-פרעזעס לאוניק אלעקסאנדער יאעל, וועלכער איז איצט צוריקגעקומען פון ארץ ישראל און וועט רעפערירען א. ד. ט.: „וואס האב איך געזעהן אין ארץ-ישראל". קומט מאסענווייז!
אייגאנג פריי! מיט דרך-ארץ די פערוואלטונג.

צענטר. יוד. האנדווערקער און קליינאינדוס-טריעלער פערבאנד פון דער לאדזער וואיעוואדזטווע
פאלודניאווא 4, טעל. 226-15

אכטונג! אכטונג!
האנדווערקער און קליינאינדוסטריעלער!
מאנטאג, דעם 22 ד. ח. פינקטליך 8.30 אווענד
וועט אין פערבאנד-לאקאל ה׳ פרעזעס
לאוניק אלעקסאנדער יאעל
...יבערגעבען
א גרוס פון אונזערע חברים האנדווערקער אין ארץ-ישראל
איינגאנג פריי! קומט מאסענווייז!

ביליג! ביליג! ביליג!
צוליב׳ן קריזיס האב איך רעדוצירט די פרייזען
אויף די
ווייגען
פון דער בעריהמטער וויין-פירמע
שולדענרייך ווארשא, פראנציסקאנער 11
מיט פאלגענדע פרייזען:

Nr. 33	נור 1.60 זל. א פלאש	
Nr. 65	2.00 זל.	האלב געצערט, נעצערט און זיס
Nr.88 און Nr.89	2.40 זל.	
№ 105 און №106	3.00 זל.	
Nr. 3000	4.00 זל.	
Nr. 112	6.50 זל.	

ביי מיר צו בעקומען פערשידענע כרמל-ווייגען און ליקיערען. קומט און איבערציגט אייך!
מיט אכטונג ג. גוטמאן!
11 פלאץ וואלנאשטשי 11, טעל. 158-20.

אלע דארפען וויסען!
צום זומער סעזאן
רעשטען
בעקומט איהר פון די בעסטע קוואליטעטען ביליצער. טאמאשאווער און אנדערע נייעסטע - מאדערנסטע מוסטערען פון הערען- און דאמען-שטאפען
פאר מענער אויף אנציגער, אויף פאלטענס
געדענקט דעם אדרעס
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערציגט אייך!
פאר דאמען אויף פאלטענס, אויפקאסטיומען
נור ביי
R. SZCZĘŚLIWY
5 נאוואמיעסקא 5, פראנט, 2. שטאק.

DR. MED.
M. Glazer
הויט און ווענערישע קראנקהייטען
וואוינט יעצט אויף
ZACHODNIA 64
Telefon 185-49
נעהמט אן פון 12 ביז 2 און פון 7 ביז 8.30 אווענד. 1697
זונטאג און פייערטאג פון 10 ביז 12 מיטאג

לעהרערס
מיט רעגירונגס-רעכט 18 יאהר פראקטיק, ערטיילען פויליש, יודיש, פראנצויזיש, עספעראנטע, דייטש, בוכהאלטעריע און מאטעמאטיק.
שוו. יאקובא 12 רעכטע אפיצינע, 1-טער שטאק, וואוינונג 30, שיק.

גוט זיך ערהאלען פאר ביליג געלד
אין
פענסיאנאט „כרמל" פאדעמביע
וואס געפינט זיך אונטער מיין פערזענליכער אויפזיכט ווערט געעפענט פון 25 מאי ד. י. אין פאדעמביע ביי טושין אין א טרוקענעם סאסנאווע וואלד, א פיין איינגעארדענטער פענסיאנאט, מיט די פיינסטע בעהאנדלונג, שעהנע זוניגע הויכע צימערען מיט אלע בעקוועמליכקייטען, עלעקטרישע בעלייכטונג, שטרענג היגיעניש, שטרענג גלאט כשר אפילו למהדרין וחרידים. ביליגע פרייזען, מאטראצאווע בעטען מיט בעטגעוואנד, די פיינסטע רעיעלע בעדינונג דאס יעדער וועט העכסט צופרידען זיין. קומט און איבערציגט אייך!
מיט אכטונג
דוד קוליפמאן פאדעמביע ווילא „כרמל"
זשעראמסקא-גאס 11
ביי דער ערשטער טראמוואי-סטאציע. 2697

בעקאנטמאכונג.

די פערוואלטונג פון קאלבער-שעכטער-פעראיין פאדזשעטשנא 10
מאכט בעקאנט אלע איהרע מיטגלידער, אז דאנערשטאג דעם 25-טען מאי 1933, 6 א זייגער נאכמיטאג צום ערשטען טערמין (פאלס ביי א נישט גענוגענדער צאהל מיטגלידער), 8 א זייגער אווענד דעמועלבען טאג גילטיג ביי יעדער צאהל מיטגלידער, קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל

די יעהרליכע גענעראל-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג: 1) וואהלען פון א פארזיצער און סעקרעטער; 2) וואהלען פון א פרעזעס, פערוואלטונג און רעוויזיאנס-קאמיטע; 3) ענדערונג פון געוויסע פונקטען אין די סטאטוטען; 4) פרייע פארשלאגען.
2640 די פערוואלטונג.
בעמערקונג: אלע מיטגלידער ווערען געבעטען פינקטליך צו ערשיינען, ווייל עס האנדעלט זיך אין אייערע אייגענע אינטערעסן.

יין כשר!
ביילער צעבליק
פון דער בעוואוסטער וויין- און מעהד-פאבריק
פירמע „פראגרעס"

גאטונגען אדער Nr.	קווארט 0.9	באט-שאנקע 0.6	האלבע באטשאנק. 0.3	פירמעל ליטער 0.25	0.1
ריינער זיס ראדז. וויין	1.90	1.35	–	0.55	0.25
אלט מארקע	2.00	1.45	–	0.65	0.30
Nr. 6	2.25	1.60	0.85	0.70	0.35
Nr. 7	2.55	1.80	0.95	0.80	–
Nr. 8	2.80	2.00	1.05	–	–

אלע אנדערע סארטען ווייגען זענען בעדייטענד רעדוצירט געווארען. צוליב דער בעקוועמליכקייט פון אונזערע ג׳ קונדשאפט פון גרינעם מארק בעקומט מען אונזערע ווייגען ביי ה׳ פולווערמאכער. גרינער מארק 6 טעלעפאן 150-78.
מיט אכטונג
וויין- און מעהד-פאבריק
אלטער מארק 2, טעל. 184-82
הורט-פערקויף נאר אין פאבריק אלטער מארק 2
איינצעל-פערקויף נאר אין פראנט-געוועלב אלטער מארק 1.
1-טע בעמערקונג: פירמאווע פירמעל-ליטערדיגע פלעשלאך ווערט צוריקגעצאהלט 5 גר., באטשענקעס און קווארטען פלאשען צו 10 גר.
2-טע בעמערקונג: סטעמפעל-מארקען, וועקסלען און פאסט-מארקען ווערט פערקויפט אין נאמינאל-פרייזען.
1747

פעטיציע צו דער פעלקער=ליגע

פון די יודישע ארגאניזאציעס אין ווארשא

ווארשא, 18. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) בעכטען איז פערעפענטליכט געווארען די פעטיציע, וואס איז אפגעשיקט געווארען צו דער פעלקער־ליגע דורך די יודישע ארגאניזאציעס אין ווארשא, וועגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד, די פעטיציע איז אונטערגעשריבען דורכ'ן פרעזעס פון דער יודישער סעקציע ביים זשורנאליסטען סינדיקאט ד"ר גאטליב, דורך די דעפוטאטען ראזמארין, ד"ר זאמערשטיין, הרב לעווין, ווישליצקי און פרעזעס מאזור.

אין דער פעטיציע ווערט צום סוף אויפמערקזאם געמאכט, אז אזוי ווי די דערמאנטע רדיפות דויערען נאך, ווערט די פעלקער־ליגע געבעטען דעם ענין צו בעטראכטען אלס דרינגענד און די פעטיציע ארייננצוטראגען אויף דער נאהעסטער זיצונג פון פעלקער־ליגע־ראט.

די שטימונג אין די סיים=קולוארען בעת היטלערס רעדע

ווארשא, 18. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) איב'ם זשורנאליסטען־קלוב אין סיים, וואו עס געפינט זיך א גרויסער ראדיא־אפאראט זענען, מיטוואך בעת היטלערס רעדע געווען פערזאמעלט אלע איגלענדישע און אויסלענדישע זשורנאליסטען, וועלכע האבען זיך צוגעהערט צו הערעדע מיט גרויס אויפמערקזאמקייט.

מען האט איבערגעגעבען, אז אויך אין מיניסטארען־ראט זענען געווען פערזאמעלט אלע מיניסטארען, וועלכע האבען געהערט די רעדע. דער גענעראל וויענקאווא־דלוגאשאווסקי האט אין אוועד דערצעהלט אין קאפע „אי־ראפא", אז ער איז געזעסען ביים ראדיא־אפאראט און בעלוועדער, צוזאמען מיט'ן מארשאל פילסודסקי.

צווישען די סיים־זשורנאליסטען האט מען זיך געוויצעלט, אז מען האט זיך מיט'ן גרעסטען אינטערעס צוגעהערט צו היטלער'ס רעדע, וואס איז געווען אנ'ענטפער אויף רוזוועלט'ס מאניפעסט, ווייל מען האט געוואלט וויסען, יו־לאנג עס איז נאך צו דער מלחמה — „וואכען אדער חדשים"...

אפקלאנגען פון היטלערס רעדע אין דער פעלקער-ליגע

גענף, 18. (ספ. טעל.) אין די קרייזען פון דער ענטוואפענונגס־קאנפערענץ האט היטלער'ס רעדע נישט ארייגעטראגען קיין נייע עלעמענטען אין דער דיסקוסיע וואס די הויפט קאמיסיע האט אנגעהויבען.

היטלער'ס רעדע האט נישט בעזייטיגט די שוועריגקייטען וואס זענען לעצטענס ענטשטאנען צוליב די דייטשע אויסבעסערונגען צום ענגלישען פראיעקט.

ביזטו קראנק אויף פאדאגרע?

די סבה פון פאדאגרע ליגט, ווי בעוואוסט אין דער שטערונג פון שטאף־וועקסעל. די שטערונג קומט פון שלעכטען בלוט־צוזאמענשטעל. אט די שעדליכע בעשטאנדטיילען בעזייטיגען טאגאל־טאבלעטקעס, וועלכע הערלאזען נישט א חוץ דעם אויך דאס אנזאמלען זיך פון קהארנזויער. טאגאל האט קיין שום שלעכטע נעבענווירקונג אויפ'ן ארגאניזם. צו בעקומען אין אלע אפטייקען. מען מוז אבער גוט אויפפאסען אויף די אריגינאלע, נישט בעשעדיגטע פערפאקונג. פרובט און איבערציינט אייך אליין.

יודישער וועלט=קאנגרעס אין יוני

גענף, 18. (יט"א טעלעגראפיש) אין יוני ווערט קיין גענף צוזאמענגערופען א דרינגענדע סעסיע פון יוד. וועלט־קאנגרעס. אויף דער טאגעסארדנונג געפינט זיך א פונקט, וועגען צוזאמענרופען דעם וועלט־קאנגרעס נאך אין יאהר 1933.

סטיפען ווייז קומט קיין גענף די ערשטע טעג יוני ד. י.

פראטעסט=פערזאמלונג געגען היטלעריסטישען רעזשים

ווארשא, 18. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) געכטען איז פארגעקומען א פערזאמלונג איינגעארדענט דורך „טור", ליגע צו פערטיידיגען מענשליכע רעכט און דעמאקראטישע בילדונגס־געזעלשאפט.

די פערזאמלונג איז געווען געווידמעט דעם היטלעריסטישען בארבאריזם, נאך דעם ווי עס האבען גערעדט די ה"ה טשאפינסקי און טוגוהט איז אנגענומען געווארען א פראטעסט רעזאלוציע אין וועלכען ס'ווערט אויך אפעליר'ט צו דער גאנצער ציוויליזירטער וועלט זיך אפצוגרעניצען מיט א מאראלישע מויער פון בארבארישען דייטשען פאשיזם.

ווירטשאפטליכער צוזאמענפאהר פון ב. ב. אין ווארשא

ווארשא, 18. (טעלעפאניש פון אונזער קארעספאנדענט) צום ווירטשאפטליכען צוזאמענפאהר פון ב. ב. וואס איז פארגעקומען בעכטען אין ווארשא, זענען געקומען דער מלוכה־פרעזידענט, פרעמיער סלאווער און וויצע פרעזעס צאר.

דער ערשטער האט גערעדט פרעזעס סלאווער, נאכדעם האט גערעדט פרעמיער יענדזשעיעוויטש. וועגען די ווירטשאפטליכע ארבייטען האט רעפערירט וויצע־מיניסטער לעכניצקי.

געוו. פינאנץ מיניסטער מאטושעווסקי האט רעפערירט וועגען דער פוילישער ווירטשאפט.

היינט ווערט דער צוזאמענפאהר ווייטער פארטגעזעצט.

וואס וואלט בעדייט אייער חן

ווען ס'וואלט פערשווינדען דער רייץ פון אייער יוגענדליך געזיכט

די פרוי קען האבען א שלאנקע פיגור, קען בעזיצען שעהנע און עלעגאנטע קליידונג, טראצדעם וועט איהר פעהלען דער אמת'ער חן — אהן דעם איידעל פנים, אהן דעם יוגענדליכען רייץ, וועלכע עס גיט דאס רעגולערע בענוצען זיך מיט דער זייף Palmolive.

די זייף Palmolive איז אויסגעארבייט פון די בעריהמטע נאטירליכע שעהנהייטס-איילען — פון די פרוכטען-איילען, פאלמעס, און קאקאס-ניס. די ווייכע געדיכטע פיאנע דריגגט אריין מילד אין די פארעס פון דער הויט און בעזייטיגט אלע אונרייניקייטען, איבערלאזענדיג א שעהן און דעליקאט געזיכט.

בענוצט די זייף Palmolive נישט נאר צום געזיכט, נאר אויך צו פלעגען דעם קערפער און זי וועט געבען דער הויט א גלאנץ און פרישקייט, וואס מאכען די פרוי אנציהענד ביז אין די שפעטערע יאהרען.

עס ענטהאלט נישט קיין פעטס פון חיות.

לעצטע נאכט-דעפעשען

לאנדאן, 18. (יט"א טעלעגראפיש) דא איז פארגעקומען א גרויסע פרויען פראטעסט־פערזאמלונג געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד. מיט א גרויסער רעדע איז ארויסגעטרעטען לאיד דזשארדזש, ער האט ארויסגעריקט די פאדערונג, אז דער פעלקער־בונד זאל נעמען אין שוץ די יודען אין דייטשלאנד.

לאנדאן. די בריטישע ליגע „פריינד פון פעלקער־בונד" האט איבערגעשיקט קיין גענף א פראטעסט־רעזאלוציע געגען די יודען פערפאלגונגען אין דייטשלאנד.

* * *

לאנדאן. ביז איצט איז נאך נישט פעסטגעשטעלט געווארען דאס ארט פון ציוניסטישען קאנגרעס.

* * *

לאנדאן. אויפ'ן קאנגרעס פון ענגלישע יוגענדליכע האט לארד מעלטשעט זיך געווענדעט מיט א אפעל צו דער קולטור־עלער וועלט, צו פראטעסטירען געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד.

* * *

ירושלים. אין וואדי האווארט איז געגרינדעט געווארען א נייע קאלאניע פון מיטעלשטאנד.

* * *

אנטווערפען. דער יעהרליכער קאנגרעס פון דער פעלקער־בונד־ליגע אין בעלגיען האט אנגענומען א שארפע פראטעסט־רעזאלוציע געגען די יודען־רדיפות אין דייטשלאנד.

* * *

לאנדאן. דער דייטשער וויצע־קאנצלער פאן פאפען האט פערעפענטליכט אין „איווינינג סטאנדארט" אנ'ארטיקעל אין וועלכען ער בערעכטיגט די אנטיסעמיטישע פאליטיק אין דייטשלאנד און די גאנצע ברוטאליטעט לגבי יודען.

Dr. med. H. LUBICZ

ספעצ. פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צענעלניאנא 7, טע. 141-32.
נעהמט אן פון 8—10 פריה, פון 12—2 נאכמ. און פון 5—8 אוועגד, זונטאג פון 9—11 בייטאג.

Kurjer Krawiecki
„GELASSENA"
ul. SIENKIEWICZA 40
telefon 240·80

נעמט אן בעמיש צו וואשען, פוצען, פארבען, אויסצופרישען פרעסען אויך צו רעפערירען אלערארט מענער- דאמען- און קינדער - גארדעראבען ווי אויך קינסטליך צערשווען און ניצעווען
געוויסענהאפטע אויספיהרונג.
קלינג 240-80

לעבער אויף דער מאשין
ווערען אנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נארדמאן, שרודמיעסקא 8

אין דייטשלאנד ווערט איצט דעמאנסטרירט א געפעהרליכער גייסט

שארפער אנטי-דייטשער ארויסטריט אין ענגלישען פארלאמענט

לאנדאן, 18. (ספ. טעל.) בעת היטלער האט געהאלטען זיין רעדע אין רייכסטאג, איין דערזעלבער צייט האט דער געוו. אויסערן־מיניסטער טשעמבערלען אין לאנדאנער פארלאמענט איבערגעחזר'ט זיין אנגריף געגען היטלערן.

דער ליבעראלער דעפוטאט מאנדער האט אריינגעטראגען א פראיעקט צו פערווערען דעם אימפארט פון דייטשע סחורות אלס אויסדרוק פון אינטערנאציאנאלע סאנקציעס אין די ראהמען פון פעלקער־ליגע־אפמאך.

דעפ. אוסטין טשעמבערלען איז ארויסגעטרעטען געגען פראיעקט, ווייל ער איז נאך נישט רייף און געבעטען מאנדערן ארויסצוציהען דעם פארשלאג און איבערלאזען די איניציאטיווע אין די הענדע דער רעגירונג.

טשעמבערלען האט ערקלערט: אין דייטשלאנד ווערט איצט דעמאנסטרירט א געפעהרליכער גייסט, וואס האט בעהערשט דייטשלאנד זייט עטליכע חדשים. אויף דער טעמא האב איך שוין בשעתו גערעדט, איך האלט אז ס'איז שוין נישט פערהאן פיל צוצוגעבען צו דעם וואס איז שוין געזאגט געווארען, יעדענפאלס קען איך מיך נישט היינט צוריקציהען פון דעם וואס איך האב שוין געזאגט וועגער גייסט וועגען וועלכען איך האב דערמאהנט איז פול פיינדשאפט, אזוי גוט אין די איינערליכע און אין די אויסערליכע בעציהונגען, דאס איז א גייסט א בעגרעניצטער, א נישט־קריסטליכער און אומהמנותדיגער פאר דער גאנצער וועלט. ווען ס'וועט קומען דער ענטשפרעכענדער מאמענט בין איך גרייט אונטערצושטיצען די רעגירונג אין יעדען אנהויב, וועלכען ער וועט אנערקענען פאר דרינגענד, כדי צו בעקעמפען די געפאהר וואס בעדראהט אונז אלע.

נאך דער רעדע פון טשעמבערלענען האט דעפ. מאנדער צוריקגעצויגען זיין פארשלאג.

די נייעסטע מאדעלען
פון זומער=שיך
און פלעציאנקעס
איז א רייכע אויסוואהל עמפפעהלט
A. Ogórek
11 ZAWADZKA 11.

יודיש טעאטער
פילהארמאניע
דירעקציע: דוד צעלמייסטער.

איינלאדונג פאר אלע לאדזער טעאטער-בעזוכער
צו דער
פייערליכער ערעפנונג פון זומער-סעזאן!

היינט, פרייטאג און מארגען, שבת בייטאג און שבת 9 אווענד
גרויסע אויסערגעוועהנליכע אימפאזאנטע יום-טוב-פארשטעלונג

עס וועלען זיך רעפרעזענטירען פאר דעם לאדזער טעאטער-עולם די בעסטע ווארשאווער סטאר-ארטיסטען, און ליבלינגע, מיט דעם כאראקטער-קאמיקער
שמחה נאטאן
צוזאמען מיט בערטא זאסלאווסקא, רעגינא הערצליך, נעמי נאטאן, אידא נאטאן, לאה זילבערמאן,
לעאן נעטליכערמאן, יוסף נייווירט, לייב לאסווינער, שמחה וויינשטאק און אנד.

גראנדיעזע פרעמיערע! ÷ 3 שעה לאכען קיין איין לאנגוויילינגע מינוט!

„דער גזלן״

מוזיקאלישע קאמעדיע פון ז. קאלמאנאוויטש. — 15 נומערן געזאנג — הויפט-ראל און רעזשי: **שמחה נאטאן.**

דאס זענען די הויפט-שלאגער-לידער פון „גזלן״
1) עס ציהט די ליבע ווי א מאגנעט — דועט
2) וואס-זשע מעג איך — קופלעט
3) מען לאכט, מען לאכט — דועט
4) מען לעגט דאס ארויף אויף מיר — קופלעט
5) טאנגא-ליבע — קופלעט
6) זי רעדט, און זי רעדט — קופלעט
7) אדער נאר, אדער גארנישט — קופלעט
8) אלעס פאר איהר — טערצעט

מארגען שבת, 4 נאכמיטאג פאפולערע פארשטעלונג
„דער גזלן״
איינהייטס-פרייזען: גאלעריע **50** גר., באלקאן **70** גר.
פארטער **1** זל. און **1.50** ערשטע רייה

3 שעה לאכען!

דיריגענט: ל. זעלמאן. טעכנ. לייטונג: ש. וויינשטאק.
בילעטען צו בעקומען ביי דער קאסע פון טעאטער.

3 שעה לאכען!

די אפטיילונג פון מעראיין פון פלעגער-הילף און מאסאזש אין לאדז, אויף פיעטריקאווער 79 טעל. 221-55 עמפפעהלט קוואליפיצירטע פלעגערינס און פלעגערס, מאסאזשיסטקעס און מאסאזשיסטען.
פאר דער ארימער בעפעלקערונג געגעבליך אומזיסטע הילף.

Poradnia WENEROLOGICZNA
פון דאקטוירים-ספעציאליסטן
זאוואדזקא 1
נאר פאר ווענערישע הויט-קראנקה. און מענער-שוועכע אנאליזען פון בלוט און אויספלוס אויף סיפילים און טריפער.
קווארץ - לאמפען, עלעקטרישער הייל-קאבינעט.
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אוו. פון 11—4 נ״מ נעמט אן א פרוי-דאקטאר נור קינדער און פרויען, זונטאג פון 9 פריה ביז 2 נאכמ.
בעזונדער ווארטע צימער פאר פרויען.
וויזיט 3 זל.

Dr. S. KANTOR
ספעציאליסט פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקהייטען
וואוינט יעצט
Piotrkowska 90, tel. 129-45
נעהמט אן פון 8—2 נאכמ. און 4 - 9 אוונד, זונטאג און יום-טוב פון 8—2 נאכמ.

רעטשניצע
זגערזשער 17
נעהמט אן קראנקע אין אלע ספעציאליטעטן
פון 9 פריה ביז 7 א זייגער אוונט.
וויזיט 3 זל.

ערשט קלאסיגער
הערן-שניידער-אטעליער
א.ח. קוטשינסקי
3 פאמארסקא 3
מאכט בעקאנט, דאס צום פריהלינג- און זומער-סעזאן פיהרט ער אויס פארשידענע בעשטעלונגען לויט די לעצטע מאדעלען
צו צוגענגליכע פרייזען
MISTRZ KRAWIECKI
A. Ch. Kuczyński
3 Pomorska 3

Z prawami Gimnazjów Państwowych
Gimnazjum Humanistyczne Męskie
oraz **Prywatna Szkoła Powszechna**
I. Kacenelsona
w Łodzi, ul. Zawadzka 43, tel. 151-79
אנמעלדונגען פון נייע שילער נעמט אן די קאנצעלאריע טאג-טעגליך פון 9 ביז 2 און פון 5 ביז 7 אווענד.
אין דער מוסטערהאפטער פרעבעל-שולע ווערן אנגענומען קינדער פון 4 יאהר אן. (אין די אנפאנגס-קלאסען זענען די פרייזען רעדוצירט).

LECZNICA PRYWATNA
Położniczo-Ginekologiczna
Dra med. S. Druebina
6-Sierpnia 15/17, tel. 153-10 I i II kl
godziny przyjęć w lecznicy od 10—12 codziennie. PORADA 5 ZŁ.
Pryw. mieszk. Piotrkowska 124, tel. 213-02
godziny przyjęć od 4—6. 2492

DR. MED.
Z. LEWINSON
כירורג
ארדינאטאר פון שפיטאל אויף דרעוונאווסקע
נעהמט איצט אן אויף
פיעטריקאווער 86, פראנט 2. שטאק
פון 3—5 נאכמ. 1780

---

7 קלאסיגע לעהר-אנשטאלט
„תחכמוני״
אין לאדז, שיענקיעוויטשא 3.
די לייטונג פון „תחכמוני״ מאכט בעקאנט, אז איינשרייבונגען פון נייע שילער ווערען אנגענומען אין אלע קלאסען ווי אויך פאר ענטוויקעלטע קינדער פון 5 יאהר אין A* (פארבערייטונגס-קלאס).
די אלע פארמאליטעטען מיט דער שול-מאכט ערלעדיגט די קאנצעלאריע פון שולע טעגליך פון 9 ביז 2 און פון 5 ביז 8 אווענד.
אכטונג עלטערן!
דער „תחכמוני״ צייכענט זיך אויס מיט זיין זארגפעלטיגער יודישער ערציהונג פון קינד.
דער „תחכמוני״ האט בעוויזען אין משך פון זיין ערשטען יאהר פון זיין עקזיסטענץ אויסצופיהרען דעם ברייטען פראגראם פון למודי-קדש און למודי-חול צו דער גרעסטער צופרידענהייט פון דער לייטונג און עלטערן.

Doktór
ŁAGUNOWSKI
powrócił
Piotrkowska 70
i róg Traugutta
Tel. 181-83.
choroby skórne weneryczne imoczopłciowe
Gabinet Roentgenoleczniczy.
Przyjmuje od 8^{30} do 10 1 — 2^{30}, od 6 do 8^{30} w w niedzielę i święta od10—1.
Oddzielna poczekalnia dla pań.

שייטלען
מיט פאריזער שריגדן און פערטיגע שייטלען ווערען ערשטקל. און רעיעל אויסגעפיהרט אויף אנדולאציע ביי **קערש,** סקווערא 15

שפארען געלד
דורך קויפען רעיעלע סחורה
צו די ביליגסטע פרייזען
לאזט זיך נור ביי דער פירמע
„בארויך״
לאדז, נאוואמיעסקא 30 טעל. 58-210
וועלכע איז די איינציגע
ביליגע און רעיעלע קוועלע
פון גוטען קידוש-ווייז
ביז די געשמאקסטע פאלעסטינער, אונגארוויינען, ווי אויך אלע סארטען
ליקער, בראנפען׳ס און מעהד.

פולשטענדיגע איזאלירונג פון דייטשלאנד

און היטלער׳ס שלום-דעקלאמאציע אין רייכסטאג

אלס רעזולטאט פון די ענדערונגען וועלכע זיינען פארגעקומען אין דייטשלאנד, הערשט איצט אין די אינטערנאציאנאלע בעציהונגען אזא צערודערונג און אומרוהיגקייט, וואס האט געהערשט אין אייראפע סיידען ערב דעם אויסברוך פון וועלט־קריג, די אטמאספערע איז פול מיט אויפרייס־שטאף, און די אנגריפען פון די היטלער־לייט גייען דווקא אויף די אפשניטען פון דער וועלט־פאליטיק וועלכע בילדען ביים היינטיגען טאג דעם פולווער־קעסעל, וואס איז גרייט יעדע מינוט אויפצורייסען. די פאליטיק פון די נייע מושלים אין דייטשלאנד האט געבראכט צו א שווערען קריזיס אויף דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ, וואס קאן ברענגען צו די ווייטגייענדיגסטע רעזולטאטען.

דער פראיעקט פון „פאקט פון פיער״ איז ארויסגעגאנגען פון די אלטע בעדינגונגען ווען אין ענגלאנד האט נאך געהערשט א דייטשפריינדליכע שטימונג און מען איז נאך דארט גרייט געווען צו אנטערהאלטען די דייטשע שטרעבונגען אויפ׳ן געביט פון רעוויזיע פון די טראקטאטען און פון דייטשער גלייכבערעכטיגונג אויפ׳ן געביט פון בעוואפענונגען. אבער א גאנצע רייהע געשעהענישען האבען בעוויזען מיט דער גרעסטער בולטקייט, אז פון דעמאלט אן האט זיך די שטימונג אין ענגלאנד געביטען אויף דעם ראדיקאלסטען אופן: די בעקאנטע דעבאטע אין פארלאמענט, די ערקלערונגען פון די אנגעזעהענסטע מלוכה־מענער, די אנפראגען צו דער רעגירונג, ענדליך די פיינדליכע אויפנאהמע, וועלכע עס האט געפינען אין לאנדאן דער שליח פון היטלערן, ראזענבערג, דאס אלץ האט בעוויזען אז בנוגע דייטשלאנד איז ענגלאנד איצט גאר אנ׳אנדער לאנד, דער פאקט פון פיער איז שוין אריבער צו דער געשיכטע, און די רעאקציע וועלכע עס האט ארויסגערופען אין ענגלאנד די דייטשע אויפפיהרונג אין זשענעווע, בעווייזט ווי טיף עס זענען דארט אויסגעוואקסען די דייטשפיינדליכע שטימונגען: אזעלכע ערקלערונגען געגען דייטשלאנד האט מען אין ענגלאנד נישט געהערט פון זינט דעם קריג אן.

די לעצטע אויפפירונג האט זיך אנגעהויבען פון אנ׳אינצידענט ביים בעטראכטען די פרטים פון ענגלישען ענטוואפנונג־פראיעקט. דער ענגלישער פראיעקט איז אין פרינציפ פאר דער דייטשער גלייכבערעכטיגונג, ער זעהט אבער פאראויס, אז די קריגס־אוויאציע און די שווערע ארטילעריע פון די אנדערע מלוכות זאלען פערקלענערט ווערען און נישט אז די דייטשע בעוואפענונג זאל פערגרעסערט ווערען און עס זאלען איהר ערלויבט ווערען אזעלכע מינים געווער, וועלכע זענען דייטשלאנד לויט׳ן ווערסאילער טראקטאט פערווערט. דער ענגלישער פראיעקט זעהט אויך פאראויס, אז אין דייטשלאנד זאל אפגעשאפט ווערען די פראפעסיאנעלע רייכסווער און עס זאל איינגעפיהרט ווערען א קורצע טערמיניגע מיליטער־דינסט און עס זאלען אויך איינגערעכענט ווערען אין דער דייטשער ארמעע די דייטשע האלב־מיליטערישע ארגאניזאציעס, אט איבער די פונקטען האט זיך אפגעשפילט א שארפער קאנפליקט. די דייטשע דעלעגאציע האט ארויסגערוקט די פאדערונגען אז די רייכסווער זאל בלייבען און אז דייטשלאנד זאל בעקומען דאס רעכט פון איינפיהרען ביי זיך די שווערע מינים בעוואפענונג, אזוי ווי עס האבען דאס די אנדערע גרויסע מלוכות.

דייטשלאנד, וואו דער מיליטערישער גייסט פייערט איצט טריומפען, וואו די גאנצע רעוואלוציע איז איינגעשטעלט אויף דער פלעגונג און אויף דער פערשטארקונג פון מיליטערישער טוגענד, האט נישט געוואלט אין די פראגען גיין אויף קיין שום הנחה, נישט קוקענדיג אפילו דערויף, וואס רוזוועלט, וועלכער האט געגעבען זיין הסכמה צום ענגלישען פראיעקט פון ענטוואפנונג האט געפרובט אין דער הינזיכט ווירקען אויף ד״ר שאכט, וועלכער געפינט זיך איצט אין אמעריקע, פערקעהרט, דער דייטשער אויסערן־מיניסטער נויראט איז ארויסגעטראטען אין דער פרעסע מיט אנ׳ארטיקעל וועלכער האט געווירקט ווי דער אויפרייס פון א באמבע: ער האט ערקלערט, אז אזוי ווי די אנדערע מלוכות ווילען זיך נישט אפזאגען פון דער קריגס־אוויאציע און פון דער שווערער ארטילעריע, וועט דייטשלאנד אויך איינפיהרען ביי זיך אט די מינים געווער, נישט קוקענדיג אויף די בעשטימונגען פון ווערסאילער טראקטאט.

די דאזיגע ערקלערונג פון דער דייטשער רעגירונג האט אין די אייראפעאישע לענדער און בעזונדערס אין ענגלאנד געמאכט אנ׳אומגעהויערען רושם. דער ענגלישער קריגס־מיניסטער העלשעם האט אויף דעם ארטיקעל פון נויראטען רעאגירט מיט א רעדע אין לארדען־הויז וואו ער האט געזאגט, אז אויב דייטשלאנד וועט פרובען שטערען דעם ווערסאילער טראקטאט וועלען געגען איהר אנגענומען ווערען די פאראויסגעזעהענע סאנקציעס און רעפרעסיעס.

אין דערזעלבער צייט האט די קאמיסיע פון די מיליטערישע עקספערטען ביי דער ענטוואפנונגס־קאנפערענץ אנערקענט אז די האלב־מיליטערישע ארגאניזאציעס, וואס עקזיסטירען אין דייטשלאנד און אויף וועלכע די היטלעריסטישע מאכט שטיצט זיך דערהויפט, די שטורם־אפטיילונגען און דער שטאל־העלם זענען אין דער ווירקליכקייט מיליטערישע פארמאציעס, וועלכע דארפען אריינגערעכענט ווערען אין די בעוואפענטע כוחות פון דייטשלאנד, דער פראנצויזישער פארשטייער אין דער קאמיסיע האט דערביי ערקלערט, אז ער איז גרייט צו געבען אלע פרטים וועגען די דאזיגע „ספארט־ארגאניזאציעס״, ווי עס האט די כאראקטעריזירט דער דייטשער פערטרעטער, אנווייזען וויפיל מענשען זיי ציילען, ווי זיי זענען בעוואפענט א.א.וו. פון די רעוועלאציעס האט זיך ארויסגעוויזען אז דייטשלאנד האט פאקטיש אנ׳ארמעע נישט פון 100 טויזענד מאן, וויפיל עס מעג האבען די רייכסוועהר, נאר פון כמעט א מיליאן.

די אינצידענטען אין זשענעווע, דער אלארם, וואס איז אויפגעהויבען געווארען אין לאנדאן, די איינשטימיגע שטעלונג פון דער עפענטליכער מיינונג בעזונדערס אין ענגלאנד, וואו דאס ווארט „קריג״ ווערט ארויסגערעדט מיט דער גרעסטער ערנסטקייט און דראהונג; דער בעוואוסטזיין אז דייטשלאנד איז אין רעזולטאט פון זייער הפקר־פאליטיק סיי אין די אינערליכע ענינים, סיי אויפ׳ן אינטערנאציאנאלען באדען, געווארען פולשטענדיג איזאלירט — האט געבראכט דערצו, אז היטלער האט גאנץ אומערווארטעט בעשלאסען צונויפצורופען דעם רייכסטאג, וועלענדיג אין אט דער פערזאמלונג פון איבערגעגעבענע האקענקרייצלער און פון הכנעה׳דיגע אנדערע פראקציעס שעפען ווייטערדיגען מוט פאר דער פראוואצירענדיגער פאליטיק, וואס שטעלט אייראפא אויפ׳ן ראנד פון נייע בלוטיגע קאטאסטראפעס.

בעת די זיצונג פון רייכסטאג איז שוין געווען בעשלאסען איז אנגעקומען דער אפעל פון פרעזידענט רוזוועלט, צו אלע מלוכות פון דער וועלט וועגען דער דראהענדיגער געפאהר פון מלחמה און די פראפאזיציע צו שליסען אנ׳אלגעמיינעם נישט־אנגרייפס־פאקט, רוזוועלט האט פייערליך אויפגעפאדערט אלע לענדער צו אונטערשטיצען דעם ענטוואפנונגס־פלאן פון מאקדאנאלד און שליסען אנ׳אפמאך וועגען באלדיגען איינפיהרען און לעבען דעם פלאן אפשטעלען די בעוואפענונגען אויף דער גאנצער צייט פון די אונטערהאנדלונגען וועגען ענטוואפנונג, שליסען ווי צום גיכסטען א פאקט פון נישט אנגרייפען איינער דעם אנדערען. אויב וועלכעס לאנד וועט זיך אפזאגען דעם פראיעקט צו אונטערשטיצען, זאגט רוזוועלט אין זיין אפעל, וועט דער שלום ווערען צושטערט און די גאנצע וועלט וועט דאן וויסען ווער עס איז דער־פאר פעראנטווארטליך, רוזוועלט האט דערביי גאנץ אפען אנגעוויזען אויף דייטשלאנד אלס דעם צד, וואס איז פעהיג צוצושטערען דעם שלום און וואס וועט טראגען דעריפאר די פעראנטווארטליכקייט. די ווענדונג פון רוזוועלט׳ן האט אין אלע מלוכות געמאכט א ריזיגען איינדרוק. מען האלט אז דאס איז דאס וויכטיגסטע ווארט וואס איז געזאגט געווארען דורך אמעריקע פון זינט ווילסאנס „פערצעהן פונקטען״. און די רעדע מיט וועלכער היטלער איז ארויסגעטראטען אויף דער זיצונג פון רייכסטאג האט זיך אהן ספק געפונען אונטער דעם רושם פון רוזוועלטס ווענדונג צו דער וועלט.

אויב ווערטער וואלטען אין דער דייטשער פאליטיק געהאט א בעדייטונג, וואלט מען געקאנט זאגען אז די רעדע פון היטלערן איז געווען א נייעס, און ברענגט אריין א גאנץ נייעם טאן, ווען מען וואלט נישט געוואוסט אז דאס, וואס עס זאגען די ריטער פון האקענקרייץ, איז שקר און דעמאגאגיע, וואלט מען געקאנט מיינען אז אין דייטשלאנד הערשט א נייער גייסט. אין דער רעדע פון היטלערן פיהלט זיך, אז עס ברענגען די טריט אונטער די איצטיגע מושלים פון דייטשלאנד, אז זיי האבען ווירקליך דערפיהלט, דאס זיי זענען פולשטענדיג איזאלירט, אז זייערע קריגס־טרומייטען האבען אויסגעשטעלט און די געשטעלט אין איין פראנט מיט די געפעהרליכסטע שלום־שטערער, אויב סך הכל מיט עטליכע טעג צוריק איז די רעדע פון ווייצע־קאנצלער געווען די אמת׳ע בעזינגונג פון קריגערישען גייסט, איז די רעדע פון היטלערן געווען א מין פערדעכטיגער לויב־געזאנג פאר׳ן שלום.

דייטשלאנד וויל נישט קיין קריג, האט היטלער ערקלערט, יעדער נייער קריג וועט פערגרעסערען דעם כאאס אין דער וועלט, פאר׳ן וואויל פון דעם יונגען דור וויל דייטשלאנד נישט, עס זאל ווערען דער אויסברעכען דער וואהנזין פון א נייער מלחמה, יעדעס פאלק האט דאס רעכט צו לעבען. די עקזיסטענץ פון די פעלקער איז א פאקט, מיט וועלכען מען מוז זיך רעכענען. דאס בעציהט זיך אויפ׳ן פוילישען, ווי אויף דעם דייטשען פאלק. קיין שום דייטשע רעגירונג וועט נישט ברעכען מיט געוואלד די טראקטאטען. אבער נישט קוקענדיג אויף די עקזיסטירענדיגע טראקטאטען, וועט דאס דייטשע פאלק בלייבען, פונקט אזוי ווי עס וועט בלייבען דאס פראנצויזישע און דאס פוילישע. היטלער האט ווי מען האט עס געקאנט ערווארטען, ערקלערט, אז די מיליטערישע ארגאניזאציעס, ווי די שטורם־אפטיילונגען און דער שטאלהעלם, וועלכע עקזיסטירען אין דייטשלאנד, טראגען נישט קיין קריגס־כאראקטער, זיי עקזיסטירען נאר, כדי אפצוהיטען די אינערליכע ארדנונג. היטלער האט זיך צושטאטען מיט קאמפלימענטען אויפ׳ן אדרעס פון ענגלישען ענטוואפנונגס־פלאן, און פון רוזוועלטס ווענדונג וועגען שליסען א נישט־אנגרייפס־פאקט. און באמאל האט ער דערמאנט אז פוילען און פראנקרייך דארפען נישט מורא האבען פאר קיין אנגריף מצד דייטשלאנד, ווייל דייטשלאנד האט נישט קיין געווער פאר אנגריף, האט נישט קיין שווערע ארטילעריע, קיין טאנקען, קיין גיפטיגע גאזען, קיין קריגס־אוויאציע.

און אויסגעפיהרט האט היטלער, אז דייטשלאנד מוז ווערען גלייכבערעכטיגט אויפ׳ן געביט פון בעוואפענונגען. און אויב דאס וועט נישט געשעהן, דאן וועט דייטשלאנד גרייט זיין ארויסצוטרעטען פון פעלקערבונד און וועט נישט אונטערשרייבען קיין שום אפמאך, וואס וועט דייטשלאנד מאכען הינטערשטעליג לגבי די אנדערע לענדער.

די רעדע פון היטלערן וואלט געקאנט מאכען אנ׳איינדרוק, ווען די גאנצע וועלט וואלט נישט געוואוסט די טעאריע און וואלט זיך נישט אין משך פון עטליכע חדשים צוגעקוקט צו דער ווילדער פראקטיק פון איצטיגען דייטשען רעזשים, האס, גרעניצלאזער האס צו אלעמדינג, וואס איז נישט דייטש, — דאס איז דער יסוד פון היטלעריזם, היטלער רעדט וועגען שלום, אבער דאס גאנצע איצטיגע דייטשלאנד. די ערציהונג, די ארגאניזאציע, איז איינגעשטעלט אויף קריג. יעדער פאציפיסטישער רמז ווערט פערפאלגט און פערטריבען, פאציפיסטען זעצט מען איין אין די תפיסות און מען בעגליט זיך מיט זיי ווי מיט די גרעסטע פערברעכער, זייערע ביכער ווערען, ווי ביכער פון „יודישען״ גייסט, עפענטליך פערברענט.

היטלער רעדט וועגען די רעכט פון פעלקער, בעת אין זיין אייגענעם לאנד ווערט אויסגעראט א טייל פון דער אייגענער בעפעלקערונג אויסשליסליך דערפאר, ווייל זי געהערט צו אנ׳אנדער ראסע, און די ראסען־טעאריע איז דאך נוגע נישט בלויז די יודען, און וואלט אפשר אנגעווענדעט געווארען ווען די אנדערע וואלטען בעווהען אויך אזוי שוואך ווי די יודען.

דעם אמת׳ען פרצוף פון היטלעריזם האט מען געזעהען אין דער ידיעה וואס איז געבראכט געווארען פאראלעל צום בעריכט פון היטלערס רעדע: פון איין זייט היטלערס דעקלאמאציע וועגען שלום און רעכט פון די פעלקער און נעבען דעם — דער בעשלוס פון דער היטלער־רעגירונג צוצונעהמען ביי די יודען אין דייטשלאנד יעדער רעכט אויף ארבייט און האנדעל: דאס איז דער אמת׳ער קאמענטאר צו היטלערס רעדע.

(פ.ס.ק.)

גרויסען פון דער הויפטשטאט

גרויסער „פאנאמא״-סקאנדאל

פון אונזער ווארשעווער קארעספאנדענט
מ. עלבוים

שטיל, בסוד־סודות, טומעלט זיך אינ׳ם ווארשאווער יודישען געמיינדע מיט א גרויסען „פאנאמא״־סקאנדאל.

און נעמליך: עס זענען ענטדעקט געווארען ריזיגע מיספרויכען אויפ׳ן שטח פון דער ווארשאווער יודישער קהלה, אין דעם אויטאנאמען וועלטעל, וואס ווערט אין ווארשא בעצייכענט בלויז מיט די צוויי ווערטער: „גזשיבאווסקא 26״.

אין ווארשא פונקט ווי אין לאדז און פונקט ווי אין א רייהע שטעט אין פוילען, זענען כידוע, פארגעקומען קהלה־„וואהלען״ און — די „אגודה״ האט בעקומען א מעהרהייט.

האט מען אנגעהויבען בעזעצען אויף פאסטענס אייגענע מענשען, אנשי־שלומנו. די גאר נאהענטע האבען בעקומען פעטע פאסטענס מיט גרויסע פענסיעס און די סתם אייגענע מענשען פאר וועלכע עס האט שוין קיין פאסטענס נישט געסטייעט האט מען איינגעטיילט כבודים און די פערשידענע עטאט־שאצונגס־קאמיסיעס, וואו עס איז, אייגענטליך, קיין פענסיע נישטא, אבער....

א יוד, און בפרט א יוד א למדן, גיט זיך אנ׳עצה. מען דארף נאר זיצען אין אזא שאצונגס־קאמיסיע, און זיצט מען נאר — דאן מאכט זיך שוין פרנסה אויך.

דאס זענען נישט קיין רעוועלאציעס, וועגען דעם רעדט מען איצט שוין גאנץ אפען און אויף זיצונגען פון דער ווארשאווער קהלה־פערוואלטונג און קהלה־ראט און אין דער ספעציעל־געשאפענער אויספארשונגס־קאמיסיע, עס ווייסט שוין וועגען דעם דער רעגירונגס־קאמיסאר וועלכער האט טאקע זיך געהייסען צושטעלען אלע מאטעריאלען פון דער אויספארשונגס־קאמיסיע און די פראטאקאלען פון די זיצונגען.

די שאצערס האבען גאר פשוט גענומען מזומן געלד פון 30 ביז 200 זלאטעס פאר „אויסמעסטען״ דעם עטאט אויף אזא אופן, אז דער עטאט־צאהלער זאל נישט בעעוולט ווערען, פשוטער: דער עטאט זאל זיין וועהר א קלענער.

מען האט גענומען אויף רעכטס און אויף לינקס פון טשעקאוועס: סיי די נעהמער סיי די געבער זענען בעוועזן מקורבים פון די „אגודה״־טוער, און פערהאן צווישען די נעהמער אויך גאנץ בכבוד׳יגע יודען מיט „נעמען״ בעקאנטע כלל־טוער.

דאס עסק איז אנגעגאנגען אזוי לאנג, ביז מען איז געוואויר געווארען, אזעלכע, וועלכע האבען געגעבען „לאפובקע״ און זיי זענען פארט בעשטייערט געווארען מיט א גרויסען עטאט, האבען געמאכט א וויצעקע: „סטייטש, מיר האבען געגעבען געלד און מען האט אונז אפגענארט!״ — און די אפערע איז געפלאצט.

מען ווייסט שוין די נעמען פון די געלד־נעהמער און געלד־געבער; די עטאט־אויסמעסטונגס־קאמיסיע איז פונאנדערגעלאזט געווארען און עס איז געווארען דער גרויסער סקאנדאל.

די „אגודה״־פיהרער פון דער קהלה האבען געפרובט פערטושען, פערשווייגען, אבער עס איז שוין געווען צו־שפעט.

איצט פיהרט שוין די אויספארשונג דער רעגירונגס־קאמיסאר, זינט די לעצטע טעג קומט שוין יעדען טאג אין לאקאל פון דער ווארשאווער קהלה דער שעף פון דער זעלבסטפערוואלטונגס־אפטיילונג ביים רעגירונגס־קאמיסאריאט, ה׳ קאבילינסקי וועלכער זיצט־אפ אין דער קהלה צו עטליכע שעה, אינטערעסירט זיך מיט יעדער אפטיילונג, מיט דער ארבייט פון די דאזיגע עס און ער פערשרייבט זיך וועגען יעדער זאך אין זיין נאטיץ־בוך.

שמועסט מען טאקי, אז גאר אין גיכען זאל אין דער ווארשאווער קהלה אריינגעזעצט ווערען א קאמיסאר און עס ווערט שוין אפילו אנגערופען דער נאמען פון דעם קאמיסאר: דאס זאל זיין דער דורכ׳ן רעגירונגס־קאמיסאר נאמינירטער פרעזעס פון „חסד של אמת״, אדוואקאט שאטענשטיין.

DOKTOR
R. WOŁKOWYSKI
צעגעלניאנא 4, טעל. 216-90
ספעציאל־ארצט פאר הויט־ און ווענערישע קראנקהייטען, מענער־שוואכע. אלע ארט אנאליזען, עלעקטראטעראפיע, בעהאנדלונג מיט קווארץ־שטראהלען.
נעמט אן פון 8–2 און פון 5–9 אווענד.
באזונדערע ווארטע־צימער פאר פרויען.

Dr. Z. RAKOWSKI
ספעציאליסט פאר
אויערען, נאז, האלז און לונגען־קראנקהייטען
11 ליסטאפאד 9 (קאנסטאנטינער)
טעל. 127-81
שפרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7
נעהמט אויך אן אין לעטשניצע זנערזשינסקיעגא 17
פון 11–1 און פון 2–3 נאכמ.

היינט פרעמיערע! די גרויסע און בערימטע
JOAN GRAWFORD
1-טער קלאנג־קינא־טעאטער
SPLENDID
נארוטאוויטשא 20
אין דער מעכטיגער עראטישער דראמע
די געזעגנונג עבירה
מיט דער
NEIL HAMILTON, PAULINA FREDERICK
„די געפעהרליכע נאכט״
מיט Z. Szymańska, A. Brodzisz
אנהייב פון די סעאנסען 4 א זייגער נאכמיטאג, שבת און זונטאג – 12 א׳זייגער בייטאג.
פאספארטוס אונבעדינגט אונגילטיג.

דער שטילער אונאויפהערליכער פאגראם

וואס מאכט מיאוס און ביטער דאס לעבען

דער שטילער פאגראם פון די יודען אין דייטשלאנד הערט נישט אויף קיין איין מינוט. די יודען ווערען מיט דער קאלטסטער אכזריות ארויס-געווארפען פון אלע ווירטשאפטליכע פאזיציעס, און עס ווערט פאר זיי נישט איבערגעלאזט קיין שום מעגליכקייט פון ארבייט און פון פערדינסט. די קינדיגונגען פון יודישע בעאמטע זענען שוין דורכגעפיהרט געווארען אויף אנ'ערך 90 פראצענט. אין בערלין איז נישטא קיין איין גרעסערע אונ-טערנעהמונג, וואו עס זאל זיך נישט געפינען קיין „קאמערעל" פון די נאציאנאל-סאציאליסטען מיט א קאמיסאר בראש און די דאזיגע אינסטאנצען פיהרען אן מיט דער אונטערנעהמונג מיט דעם פולען ווילקיר. זיי דיקטירען דעם באלעבאס וועמען ער זאל האלטען אין דער אונטערנעהמונג וועמען עס דארף בעזייטיגט ווערען. די יודישע איי-גענטימער האבען נישט קיין מעגליכקייט זיך אנט-קעגענצושטעלען דעם ווילקיר און אויב זיי האבען נאך פריהער נישט געוואלט דערלאזען עס זאלען בעזייטיגט ווערען די יודען פון דער אר-בייט, מוזען זיי איצט זיך אונטערגעבען און אויס-פיהרען די פארערדנונגען פון דעם קאמיסאר און די אנווייזונגען פון נאצ.-סאציאליסטישען קאמע-רעל. בלויז עטליכע גרויסע וואראן-הייזער ווערען זיך נאך געגען דער פאדערונג ארויסצו-ווארפען די יודישע ארבייטער און אנגעשטעלטע דאס זענען טיץ, קאדעווע און ווערטהיים. עס זענען אבער אויך פאראן יודישע פירמעס, וועלכע פיה-רען אויס די שעדליכע ארבייט לויט דעם איי-גענעם ווילען, מיינענדיג אזוי ארום, נושא חן צו זיין אין די אויגען פון די נאציס.

די מעטאדען, וואס ווערען אנגעווענדט ביים קינדיגען די יודישע אנגעשטעלטע, זענען די סאמע אכזריות'דיגע און שענדליכע. אזוי א שטייגער האט אין איין אונטערנעהמונג דער קאמיסאר בע-פוילען, אז אלע יודישע מיטארבייטער זאלען זיך פערזאמלען אין איין זאל, ווען אלע זענען געווען אויפ'ן ארט, איז ארויס צו זיי דער קאמיסאר, ער האט פון זיי אפגעשפעט, געלאכט פון זייער פאלק און דאן זיי געהייסען זיך אפטראגען און מעהר זיך נישט בעווייזען. דערדריקטע, בעליידיגטע מיט טרעהרען אין די אויגען זענען די מיטארבייטער ארויס פון לאקאל, בעגלייט פון א האגעל שימפ-און זידעל-ווערטער.

אין איין שטאטישער ביבליאטעק זענען אפגעזאגט געווארען אלע יודישע אנגעשטעלטע אויסער איינער, וועלכע איז געווען ממש די נשמה פון דער ביבליאטעק און אהן איהר וואלט די ארבייט זעהר פיל געליטען. איהר אליין האט מען איבערגעלאזט. אבער מען האט איהר געווארענט, אז זי טאר זיך קיינעם נישט בעווייזען אין די אויגען, זי טאר אפילו נישט קומען דורך דעם זעלבען איינגאנג, וואס אלע, נאר דורך א הינטער-טיר, זי טאר נישט גיין אינאיינעם מיט די אנדערע אנגעשטעלטע פון דער ביבליאטעק.

דאס אונגליקליכע מיידעל איז געווען גע-צוואונגען אנצונעהמען די דערנידעריגענדע בעדינ-גונגען, ווייל, אז נישט, וואלט איהר אויסגעקומען צו שטארבען פון הונגער; וועגען קריגען ארבייט פאר א יודען איז דאך נישטא קיין רייד. איהר לעבען איז ביטער. מען וועבדט זיך צו איהר מיט א ווארט נאר אין אויסערסטען פאל, זי טאר צו קיינעם נישט אויסרעדען א ווארט. אויף דער גאס, ווען עס בעגעגענט איהר איינער פון איהרע קא-לעגען אהער קאלעזשאנקעס, מאכט מען זיך ווי מען וואלט איהר איבגאנצען נישט געקענט. און אין דערזעלבער צייט איז זי די נשמה פון דער ביבליאטעק, זי ווייס יעדעס בוך און אהן איהר וואלט די ביבליאטעק נישט געקאנט עקזיסטירען.

אזעלכע פאלען זענען געווען אהן א שיעור. ווי בעקאנט, האט די בעריהמטע עלעקטריציטעטס געזעלשאפט א.ע.ג., וועלכע איז געגרינדעט געווא-רען דורך עמיל ראטענוא (פאטער. פון דעם שפע-טער דערמארדעטען דייטשען אויסערן-מיניסטער וואל-טער ראטענוי) אפגעזאגט אלע יודישע מיטארבייטער, איבערלאזענדיג בלויז א צוויי-דריי. ווען עס איז צו דער פירמע אנגעקומען אנ'אנפראגע, צי דאס איז אמת, האט מען געציהאונגען די איי-בערגעבליבענע יודישע אנגעשטעלטע צו ענטפע-רען, אז (אין דער פירמע איז אלצדינג ווי געווען, אז קיין שום יוד האט מען נישט געריהרט און, אז די יודען אין דער פירמע פיהלען זיך אזוי גוט ווי ביים אלטען רעזשים.

אינטערעסאנט איז, וואס די יודען, וועלכע ווערען ארויסגעווארפען אין דער גאס, בעמיהען זיך, אז מען זאל וועגען דעם נישט געוואויר ווערען אין אויסלאנד, אז קיין ידיעה וועגען זייער פער-זענליכען טרויעריגען מצב זאל זיך נישט אריבער כאפען איבער די גרענעץ, אזוי זענען די אלע אנגעשראקען דורך דעם טעראר פון די נאצי. די שרעק, געקומען צו ווערען אין קאנצענטראציאנס-לאגער, אין די קאזארמעס פון די שטורמיסטען איז געבליבען אזוי שטארק, פונקט ווי אין די ערשטע טעג פון טעראר פון די היטלעראוצעס. ווייל די פאלען פון רעוויזיעס, פון צושלאגען מענדע-ריש אין ארעסט קומען פאר איצט, אויב נישט אזוי אפט איז דאך מיט דער גלייכער אכזריות ווי פריהער.

אט איז א כאראקטעריסטישער פאל. צו איי-נעם א בערלינער יוד, איז געקומען צו גאסט א קרוב פון אמעריקע. דער יוד האט פאר זיין כבוד געמאכט אנ'אויפנאהמע. עס זענען געקומען

א צוואנציג געסט, פון דער גאס האבען א גרופע נאצי דערהערט שפילען און הויך רעדען. מען האט באלד ארויסגערופען א קאמאנדע שטורעם-לייט, וועלכע האט זיך אריינגעריסען אין דער וואוינונג און געמאכט ארדנונג. אלע פריען האט מען גע-הייסען ארויסגיין און די אנוועזענדע מענער האט מען מערדעריש צושלאגען, דערונטער אויך דעם אמעריקאנער, וועלכער עס האט נישט געהאלפען זיין אמעריקאנער פאס.

איין יוד האט געהאט א שותף א דייטש. די היט לעראוצעס האבען געפאדערט פונ'ם דייטש ער זאל זיך אפזאגען פון זיין יודישען שותף. דער דייטש האט אבער דאס נישט געוואלט טון, איז איינמאל ביי נאכט האט זיך די באנדע אריינגעריסען צום יוד אין וואוינונג אריין, מ'האט איהם צושלאגען מכת רצח און איהם געצוואונגען אונטערצושרייבען א פא-

פיר, אז ער טרעט ארויס פון דער אונטערנעהמונג.

אין א מאגאזין אויף פאטסדאמער פלאץ גייט אריין א יודישער קויפער, די פערקויפערין צו יועל כער ער האט זיך געווענדעט קעהרט זיך אום צו איהם מיט'ן רוקען. דער יוד ווענדט זיך מיט א פראטעסט צו דער עלטערער אנגעשטעלטער, אבער די פערקויפערין ערקלערט, אז זי וויל נישט בעדי-נען קיין יודישע קונים.

אזעלכע פאלען זענען געווארען א גארמאלע ערשיינונג, און מען איז שוין צו זיי צוגעוואוינט צווישען די דייטשע יודען וועלכע זענען אמאל גע ווען אזוי שטאלץ און געהאט דעם בעוואוסטזיין פון זייער ווירדע און כבוד בירגערט זיך אלץ מעהר איין דאס מינדערווערטיגקייטס-געפיהל, אז זיי זע-נען פאריער און אז מען מעג און מען קאן זיי בע-

האנדלען ווי די געפאלענע, ווי די מינדערווערטיגע ברואים.

די יודען לעבען אלץ אין דערזעלבער פאנישער שרעק ווי אין אנהויב פון דער „נאציאנאלער רעוואלוציע", מען האט מורא א ווארט צו זאגען, מען האט מורא צו שרייבען א בריף, צו רעדען דורכ'ן טעלעפאן. עס איז פון לאנג בעוואוסט, אז די טעלע פאן געשפרעכען ווערען אונטערגעהערט דורך שטאב מענשען, וועלכע ווערען דערצו ספעציעל געשולט. די טעלעפאנען פון בעוואוסטע פערזענליכקייטען ווערען אהן אויפהער בעוואכט, די אנדערע טעלעפאנען בלויז פון צייט צו צייט, צווישען די, וואס זענען אנגעשטעלט אויף אונטערצוהערען די געשפרעכען געפינען זיך א בעדייטענדע צאהל רוסען, ספע-ציעל פאר די געשפרעכען וואס ווערען געפיהרט אין דער רוסישער שפראך.

סימבאל פון דער נאציאנאלער רעוואלוציע

דער סימבאל פון טריומפירענדיגען כאם

די פייערען, אויף וועלכע מען האט פערברענט די ווערק פון „יודישע" מחברים אין פערשיעדענע שטעט אין דייטשלאנד, האבען לויט דעם אויסדרוק פון איין רעגירונגס-פארשטייער, וועלכער האט מיט-געמאכט די דאזיגע צערעמאניע אין בערלין גע-דארפט זיין א סימבאל פון טריומפירענדיגען נייעם רעזשים, א סימבאל פון זיג פון דער „נאציאנאלער רעוואלוציע".

און ווירקליך: די אויטאדאפעס זענען געווען א סימבאל, א סימבאל פון דער אונגעהויערער כאמסטווע, וואס האט זיך ברייט צולייגט איבער'ן גרויסען לאנד. איבער די הערצער און אין די מוחות, פונקט אזוי ווי סימבאליש ס'איז געווען דער מוסטער באיקאט טאג פון ערשטען אפריל, פונקט ווי סימבאליש עס איז דער געפייערטער פריינ-ציפ פון ראסען-ריינקייט, פון איבערמאכט פון דער גערמאנישער ראסע לגבי אלע אנדערע.

אין משך פון הונדערטער יאהרען איז אנגע-גאנגען א קאמף פון דער מענשהייט פאר פרייהייט פון פארשען. פאר פרייהייט פון דער וויסענשאפט, פון דער שול, פון קאמף פאר טאלעראנץ. איצט איז דאס אלץ ווי אפגעווישט געווארען פון דער דיי-טשער ערד. דאס, וואס איז געהאלטען געווארען פאר דער גרעסטער דערגרייכונג פון קולטור, די גייסטיגע פרייהייט, אין וועלכער עס האבען זיך ענטוויקעלט אויך די דייטשע פילאזאפישע לעהרעס דאס אלץ ווערט איצט בעשפיגען געטראטען מיט די פיס און סימבאליש פערברענט. איבריגענס אפילו נישט בלויז סימבאליש, ווייל די פערברענטע בי-כער זענען ערקלערט געווארען פאר נישט דער-לאזבארע און זיי וועלען מסתמא אין דייטשלאנד פערשווינדען.

און ווער זענען עס געווען די אונטערנעהמער פון די אויטא-דא-פעס? ווער האט עס אויפגעהויבען די האנד אויף די גייסטיגע ווערטען, וועלכע שטעלען מיט זיך פאר דעם שטאלץ פון דער מענשלי-כען קיום? די איניציאטיוו איז ארויסגעגאנגען פון דער יוגענד, פון דער „צוקונפט פון דער געזעל-שאפט", פון די סטודענטען, וועלכע האבען עס גע-שאפען די קאמפס-ארגאניזאציע אויף צו רייניגען דעם גערמאנישען גייסט. אט די ארגאניזאציע פון גראבער-ונגעקישע שניעקעס האט עס גענומען אויף זיך די אויפגאבע נישט מעהר און נישט ווייניגער ווי צו רעווידירען די אידעאישע רייכטימער, וואס געפינען זיך אין די ביבליאטעקען, אין די עפענט-ליכע און פריוואטע ביכער-זאמלונגען און ארויס-טראגען דעם אורטייל, וואס אונטערליגט נישט קיין שום אפעלאציע.

און די מאכט האט נישט נאר גארנישט געטון, כדי אפצוהאלטען די סטודענטען פון דער דאזיגער אונערהערטער כוליגאנישער טאט, נאר גראד פער-קעהרט, די גאנצע אקציע איז געפיהרט געווארען מיט דער ברכה, אונטער דער אפוטרופסות פון דער היטלעריסטישער מאכט, מיט'ן אנטייל פון איהרע פארשטעהער. א פראפעסאר פון דער בערלינער אוני-ווערזיטעט האט געהאלטען די פייערליכע רעדע ביים אונטערצינדען דעם אויטא-דא-פע פאר דער אוני-ווערזיטעט און דער פראפאגאנדע - מיניסטער גע-בעלס האט צוגעגעבען דער פייערליכקייט דעם אפי-ציעלען גלאנץ און סימבאליק מיט זיין אנוועזענהייט און מיט זיין רעדע.

די ריינונג פון די אוניווערזיטעטען און פון די אקאדעמיעס, דאס פערטרייבען די אנגעזעהענסטע מענשען פון געראנג און פון דער וויסענשאפט האט שוין בעדעקט מיט אייביגער שאנדע דעם רעזשים, וועלכער האט געמוזט אנווענדען אזעלכע מיטלען, כדי צו זיגען אין די מוחות פון המון. דאס עפענט-ליכע פערברענען צעהנדליגער טויזענטער ביכער פון די בעסטע שריפטשטעלער איז ווי אומישנע צוגעטראכט געווארען, כדי נישט איבערצולאזען אין דער וועלט קיין שום ספק, וועגען דעם, ווי טיף עס איז געפאלען דער רעזשים, וועלכער הערשט איצט אין דייטשלאנד און ווי דער דאזיגער רעזשים און זיין פערברעכערישע אגיטאציע און טאטען האט מיט געשלעפט מיט זיך א גאנץ פאלק, וואס האט איבער געגעבען זיין גורל אין די הענד פון א פינסטערער באנדע פערברעכער.

אין דעם זין איז דער ביכער-אויטא-דא-פע גע ווען א סימבאל, פאר וועלכען עס דארפען מיט שרעק זיך אפשטעלען אלע דייטשען, וואס האבען נישט פערלוירען נאך אינגאנצען די פעהיגקייט צו פער-שטיין דאס, וואס עס שפילט זיך אפ פאר זייערע אויגען.

פון די בעריכטען, וועלכע זענען ביז איצט גע-ווען פערעפענטליכט אין די בלעטער וועגען דעם אויטא-דא-פע, איז שווער געוואויר צו ווערען דאס גאנצע צעטעל פון די אויטארען און זייערע פער-ביטעטע ביכער וועלכע די סטודענטישע צענזא-רען האלטען פאר בויטיג אויסצורוימען פון דייטש לאנד. אפילו די דייטשע בלעטער שעהמען זיך, ווייזט אויס, אלע נעמען אויסצורעכענען און זיי בעגנוגענען זיך בלויז מיט ברענגען די נעמען פון אזעלכע מחברים, וועלכע זענען בעקאנט אלס קאמו-ניסטען, פאציפיסטען, דעמאקראטען און, פער-שטייט זיך, יודען. אבער אפילו דאס, וואס איז בע-קאנט געווארען, בעווייזט די גאנצע גרעניצלאזע גראביונגערישקייט פון די יונגע תלמידים פון גייסט און קולטור. אפילו איציגע פון די פערניכטעטע דייטשע בלעטער נעהמען זיך די העזה מיט א שטיל ליגער דרייסטקייט צו פרעגען, ווי אזוי, א שטייגער, וועט מעגליך זיין צו שטודירען פאליטישע עקאנאמיע

אהן די ווערק פון מארקס'ן? וואס פארא בעגריף וועט מען קאנען האבען וועגען דער דייטשער לי-טעראטור, אויב מען וועט אין דייטשלאנד פערניכ-טען אינגאנצען די ווערק פון די ברידער מאן, פון שניצלערן, פון די צווייגס?

דער ארגאן פון הוגענבערגען די „דייטשע אל-געמיינע צייטונג" פרובט פערטיידיגען די סטודענ-טען פאר דער אויסערליכער וועלט, פאר דער שאנדע, וואס זיי האבען געבראכט אויף דייטשלאנד. די צייטונג שרייבט עפעס וועגען דער יוגענטליכקייט פון די סטודענטען, אז מען דארף נישט ערנסט נעה-מען אט אזעלכע קליינע סטודענטישע ארומדרייע-צען. דאס בלאט ראט „די קינדער", זיי זאלען זיך לערנען, האראכען זייערע פראפעסארען און ארויס-ווייזען זייער אכטונג צו דער וויסענשאפט נישט בלויז אין ברענען ביכער אויף די פלעצער פון די שטעט.

די דאזיגע רייד ענטהאלטען א ים פון צביעות און נידערטרעכטיגקייט. פונקט ווי עס וואלט גע-גאנגען בלויז וועגען די סטודענטען און נישט וועגען גאנצען רעזשים, פאר וועלכען די דייטש-נאציאנאלע זענען מיטפעראנטווארטליך און וועלכער האט געמאכט הפקר יעדען בעגריף וועגען וויסענ-שאפט, וועגען פון, וועגען גייסט, יעגען מענש און זיין ווערט און אפאטעאזירט בלויז דעם גע-מיינעם עגאאיזום אין זיין רויסטער פארם. דאס איז נישט בלויז א כוליגאניזום פון צעיושעטע סטודענט לעך. דאס איז די קאנסעקווענץ פון א גאנצען פראגראם, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארען דורך זייערע דערוואקסענע אפיקורסים, דאס איז א בע-שטעטיגונג פון דעם, אז אין דייטשלאנד הערשט איצט דער כאם, איינציג און אויסשליסליך.

און דאס שרעקליכסטע אין דער גאנצער ער-שיינונג איז פונקט ווי אין אלע ביז איצטיגע ווילדע אויסדרוקען פון דעם רעזשים דאס שווייגען פון זיי, וועלכע דארפען דאך פערשטיין דעם גאנצען עקעל פון דעם, וואס ווערט אפגעטון אין דייטש-לאנד, דאס שווייגען פון דער דייטשער אינטעליגענץ לגבי די ברענענדיגע שטויסען מיט ביכער איז אויך א סימבאל, וועלכער איז נישט ווייניגער דראמ-העבד און שרעקליך, איידער די מעשים פון די סטודענטען און די העדעס פון די פראפעסארען און מיניסטארען, וועלכע האבען בעשייגט מיט זייער אנוועזענהייט און אנטייל די שמחה פון פער-ברענען אוצרות פון מענשליכען גייסט.

בערלינער קהלה ווענדעט זיך צו דער מאכט

וועגען ערלויבען גריינדען יוד. שולעס

א י נ ס ב ר ו ק, (יט"א). ביז איצט האבען זיך אין ביורא פון דער יודישער קהלה אין בערלין רע-גיסטרירט אנ'ערך 6000 יודישע קינדער, וואס זיי-ערע עלטערען פערלאנגען אז די קהלה זאל ארגאני-זירען אייגענע אנפאנגס-שולען פאר יודישע קינ-דער. די עלטערען פון די דאזיגע קינדער ערקלערען

אז הגם זייערע קינדער ווערען נאך איינגעלאזען אין די אלגעמיינע שולען, איז אבער די אטמאספער דארט אזא אנטיסעמיטישע אז די קינדער קענען נישט דורכזיצען די לעקציעס.

די קהלה האט זיך געווענדעט צו דער רעגירונג מיט אנ'אפיציעלער ביטע צו ערלויבען צו ארגא-ניזירען יודישע רעליגיעזע שולען אויפ'ן חשבון פון דער קהלה.

יעהרליכער בעריכטס-מעמאריאל פון דער יודישער אגענץ

פאר דער מאנדאט-קאמיסיע

י ר ו ש ל י ם. (יט"א). די יודישע אגענץ האט איבערגעגעבען דער א"י-רעגירונג דעם יעהרלי-כען בעריכט-מעמאריאל וואס איז בעשטימט פאר דער מאנדאט-קאמיסיע ביים פעלקער-בונד.

דער מעמאריאל איז איבערגעשיקט געווארען מיט א בעגלייטונגס-בריף פון פרעזידענט נחום סאקאלאוו.

אויך דער ועד-הלאומי און די רבנות-הראשית וועלען איבערשיקען מעמאריאלען צו דער מאנדאט-קאמיסיע, דער מעמאריאל פון ראבינאט פאדערט רעגירונגס-סובווענצען פאר'ן בית-דין. די סעסיע פון דער מאנדאט-קאמיסיע וועט פארקומען אין יוני.

פאשיזם און נאציאנאל-סאציאליזם

ערקלערונג פון איטאליענישען פינאנץ-מיניסטער

נ י ו - י א ר ק, (יט"א). דער איטאליענישער פי-נאנץ-מיניסטער יונג, וועלכער איז ווי בעקאנט א קאנסערוואטיווער יוד פון דייטשער אפשטאמונג, האט בעת זיין רייזע קיין וואשינגטאן אין אויפטראג פון דער איטאליענישער רעגירונג געהאט א גע-שפרעך מיט'ן פארשטעהער פון דער יודישער טע-לעגראפען-אגענטור.

אויף דער פראגע וועגען דער בעציהונג פון פאשיזם צום נאציאנאל-סאציאליזם און אנטיסעמי-טיזם האט מיניסטער יונג ערקלערט דאס עס איז דיצלאז צו פערגלייכען דעם פאשיזם מיט'ן נאציא-נאל-סאציאליזם, איבערהויפט אין בעצוג צו דער יודען-פראגע, אגב איז דער פאשיזם שוין אנ'איינגע-פונדעוועט רעגירונגס-סיסטעם, בעת דאס נאציא-נאל-סאציאליסטישע רעגירונגס-סיסטעם געפינט זיך ערשט אין אנהויב-סטאדיום. דער פערגלייך צווישען

די ביידע בעוועגונגען איז ווי צווישען א ניי-געבוי-רען קינד און א 10-יעהריג יונגעל.

„צי זענען דאס אבער קינדער פון איין פאר-טער?" — האט געפרעגט דער יט"א-פארשטעהער.

„צוויי פעלקער קענען נישט האבען דעם זעל-בען פאטער" — האט געענטפערט דער איטאליע-נישער פינאנץ-מיניסטער.

אויף דער פראגע וועגען דער שטעלונג פון דער איטאליענישער רעגירונג צו דער אנטיסעמיטי-שער בעוועגונג אין דייטשלאנד האט מיניסטער יונג געענטפערט, דאס דעם ענין וואלט ער ליבער נישט געוואלט בעריהרען.

אויף דער לעצטער פראגע וועגען דער שטע-לונג פון איטאליען צום אנטיסעמיטיזם, האט מינ. יונג געענטפערט: האט איהר עפעס געהערט וועגען אנ'אנטיסעמיטישער בעוועגונג אין איטאליען?

לאדז
19 מאי 1933

נייער פאלקסבלאט

לאדז
19 מאי 1933

צו לאַנגזאַם

די געפאַהרען פון רעוואָלוציעס און קאָנטר-רעוואָלוציעס פאַר'ן יודישען פאָלקס-אָרגאַניזם

פון לעא קעניג

נישט ווייל יודען אַלס אַ פאָלק זענען בעסער — מאָראַלישער און עטישער, ווי אַנדערע פעלקער, זענען ס'רוב יודען — האַלב אינסטינקטיוו און האַלב בעוואוסטזיניג — געגען מלחמות און רעוואָלוציעס, נאָר פּראָסט און פּשוט, ווייל פּאַציפיזם און עוואָלוציאָניזם זענען מעהר אין אונזערע יודישע נאַציאָנאַלע און עקאָנאָמישע אינטערעסען. אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם, ווי אונזער עקאָנאָמישער מצב, זענען צו שוואַך, זיי זאָלען קענען אויסהאַלטען און איבערטראָגען, וועלכע עס איז קאַטאַסטראָפאַלע און רעוואָלוציאָנערע פאָרמען פונ'ם מענשליכען פּראָגרעס.

יודען זענען מעהר געגען מלחמות ווי אַנדערע פעלקער, נישט ווייל מיר האָבען מעהר ווי די ליב דעם שלום „אַן און פאַר זיך", נאָר פּשוט, ווייל מלחמות זענען פאַר אונז פיל שעדליכער, ווייל מיר פערלירען מעהר ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין די פערשידענע מלחמות און ווייל, בשעת מלחמות ווערען קינסטליך און נאַטירליך אויפגעפּלאַקערט פערשידענע נאַציאָנאַליסטישע אַבערגלויבענס און איינרעדענישן (און ממילא שוין אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע); און נאָך מעהר ווייל יודען, צוליב זייער צושפּרייטונג, קומט אויס מלחמה צו האַלטען און פאַלען אויף אַלע פראָנטען. און דאָפּעלט, און ווען איז צו די יודען, וועלכע בעלאַנגען צו די בעזיגטע לענדער (דער בעסטער בעווייז: דאָס איצטיגע דייטשלאַנד).

דאַרפען מיר נאָך ממשות'דיגערע בעווייזען און מאָטיווען פאַר וואָס יודען זענען פּאַציפיסטישער ווי אַנדערע פעלקער? נישט צוליב וועלכען עס איז אַתּה בחרתנו אידעאַליזם, נאָר ווייל מלחמות, זענען פיל שעדליכער פאַר אונזער נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. צי מיר וואָלטען געווען פּונקט אַזוי פּאַציפיסטיש, ווען מיר זענען אַלס אַ פאָלק אַזוי נאָרמאַל געבויט ווי אַלע אַנדערע פעלקער — איז אַ אַבסטראַקטע שפּעקולאַציע, וועלכע קען אונז אַצינד נישט אינטערעסירען.

און צוליב דעם עקאָנאָמישען מצב פון די יודען אין כמעט אַלע לענדער — צוליב דער נישט נאָרמאַלער היסטאָרישער ענטוויקלונג, וועלכע האָט דעם רוב מנין ובנין פונ'ם יודישען פאָלק געשטעלט, פערטיידיגען אין איין עקאָנאָמישען לאַגער דעם מיטעל קלאַס — וואָלטען אַלע בעוואוסטזיניגע יודען געמוזט זיין אַנהענגער פון די עוואָלוציאָניסטישע פּאַרטייען און אידעאַלען, און נישט פון די רעוואָלוציאָנערע.

און יודען, מוז מען צוגעבען, זענען אויך ס'רוב עוואָלוציאָנערען און נישט קיין רעוואָלוציאָנערען. און וורדער אַמאָל: נישט ווייל דער יודישער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַמענט איז אַזאַ שלום ישל'ה-דיגער, און קען נישט ליידען די בלוט-פערגיסונגען, וואָס קומען פאָר בשעת די פערשידענע רעוואָלוציעס און קאָנטר-רעוואָלוציעס. (דאָס הייסט, אין בעסטען פאַל זיך אַליין קאָמפּלימענטען).

בעוואוסטזיניגע יודען זענען ס'רוב געגען רעוואָלוציעס (ווי געגען מלחמות) פּשוט, ווייל מיר זעהען און פערשטעהען ווי געפעהרליך זיי קענען זיין פאַר'ן רוב יודען, ווייל עקאָנאָמיש (אויב נישט אידעאיש) מוזען מיר זיך געפינען נאָר אויף איין זייט פון דער באַריקאַדע, אַזוי צו זאָגען.

זייער ענגלענדער, פראַנצויז, דער רוס, צי דער דייטש קענען נישט, ווי קאָנסערוואַטיוו זיי זאָלען נישט זיין, אַזוי מורא האָבען פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי מיר יודען האָבען מורא, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי ווייסען און פיהלען אַז די רעוואָלוציע דראָהט איין קלאַס, איין טייל זייערען, אָבער נישט זייער גאַנצען פאָלקס-אָרגאַניזם. אַז די רעוואָלוציע וועט זיגען, ווייסען זיי, אַז זייער אַרבייטער-קלאַס, זייער פּראָלעטאַריאַט — אַ גרויסער און בעדייטענדער טייל פון זייער פאָלק — וועט בלייבען אויף זייער לאַנד, און בויען ווייטער זייער צוקונפט. אויב וועלכער ס'איז „רעוואָלוציאָנערער אידעאַל" איז אַ געבאָטען לאַנד, ווייסען מיר יודען, אַז מיר האָבען נישט קיין געזונטען פּראָדוקטיווען קלאַס, וואָס זאָל צוזאַמען מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער אריינמאַרשירען אין דעם געבאָטענען לאַנד.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אונז בעוויזען, וואָס פאַר אַ גרויסע קרבנות און יסורים דאָס מיטעל-קלאַס פאָלק האָט געמוזט בעצאָהלען, אַפילו ווען עס זענען גאָרנישט געווען קיין ספּעציעלע אַנטי-יודישע געזעצען און עקסצעסען.

און מיר שטעהען איצט פאַר דער גרויסער געפאַהר אַלס אַ פאָלק (אויסער אַ זעהר קליינעם פּראָצענט) זאָלען מיר בלייבען די מתי מדבר פון די סאָציאַלע איבערקעהרענישען.

איז דען אַ וואונדער פאַר וואָס יודען זענען אינסטינקטיוו פאַר עוואָלוציאָנערע אידעאַלען און טאַקטיקס.

צוליב אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק צוליב אונזער עקאָנאָמישער מצב זענען מיר אָהן אַנ'ערך ווייניגער ווי אַנדערע פעלקער צוגעגרייט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער ראַציאָנאַלער יודישער נאַציאָנאַליזם פון די לעצטע פופציג יאָהר — אָנפאַנגענדיג פון פּינסקערן און ענדיגענדיג מיטן בונד און מיט באָראָכאָווס פּועלי ציוניזם — האָבען פאָראויסגעזעהען די תקופה אין וועלכער מיר לעבען אַצינד, און די געפאַהרען פאַר וועלכע מיר שטעהען אַצינד.

עס קלינגען איצט העכער און גביאישער ווי ווען עס איז פריהער באָראָכאָווס ווערטער: „די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועלען מיר אפשר נישט איבערלעבען".

מען האָט אונז געוואָרענט וועגען דער איצטיגער תקופה, איהרע גרויסע געפאַהרען פאַר אונזער פאָלקס-אָרגאַניזם, אָבער די צוגרייטונגס-אַרבייט אונזערע איז געווען, קען מען זאָגען, אַ צו לאַנגזאַמע, אַ צו שלאָפעריגע — צו עוואָלוציאָניסטישע.

אונזערע דערגרייכונגען אין פּאַלעסטינע, ווי הערליך, זענען איצט צו שוואַך, זיי זאָלען מיט עפּעס ממשות'דיגעס פערלייכטערן און לינדערן ווען אונזער פאָלק פון די געפאַהרען, פאַר וועלכע מיר שטעהען אַצינד.

עס קען זיין, אַז נישט די פיהרער און נישט דאָס פאָלק, האָבען פערשטאַנען ווי דרינגענד און לעבענסוויכטיג עס איז אַ יודיש לאַנד, אַ יודישע טעריטאָריע.

פּאַלעסטינע איז געוואָרען פאַר אונז אַ שטיק נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק, און נישט קיין לעבען און טויט פראַגע פאַר'ן יודישען פאָלק. און דאָס איי־גענע איז געשעהען מיט אונזער צווייטער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבייט: די פּראָדוקטיוויזאַציע (פּראָלעטאַריזירונג) פון די יודישע מאַסען אין די גלות לענדער.

אָט די גרויסע אַרבייט, וועלכע איז אַזוי ענג פערבונדען מיט דער בילדונג און ערציהונג – פראַגע איז דורך אונז פערנאַכלעסיגט געוואָרען.

מיר האָבען זיך בעגנוגענט מיט ריין-נאַציאָנאַלע און עסטעטישע יודישיסטישע און העברעאיסטישע שולען און מיט אַ מלחמות-מצווה צווישען יודיש און העברעאיש, אין אַנדערע אַבסטראַקטע קולטור-פראַגען.

סאָציאַל אָבער דערציהען און איבערבויען די יודישע מאַסען ווי ווייט ס'איז מעגליך — האָבען מיר פערגעסען.

מיט איין וואָרט, אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבייט פאַר די לעצטע פופציג יאָהר איז אין בעסטען פאַל געווען צו לאַנגזאַם. מיר האָבען נישט געוואוסט, אַז דער קריזיס — אפשר דער גרעסטער אין אונזער געשיכטע — וועט אַזוי גיך קומען. מיר האָבען געוואָלט ווערען אַ נאָרמאַל פאָלק און געבליבען נאָר ביים וועלען.

און נאָר געזונטע און נאָרמאַלע פעלקער קענען דורכפיהרען און אויסהאַלטען רעוואָלוציעס.

איז דען אַ וואונדער פאַר וואָס יעדער פון אונז איז איין מוז זיין — סיידען ער וויל מפקיר זיין דעם גרויסען רוב פונ'ם יודישען פאָלק אַלס „שטויב פון רעוואָלוציע" לויט טראָצקיס אויסדרוק — פאַר עוואָלוציע, פאַר אַ גראַדועלער, בהדרגה איבערבויונג פון די באַנקראָטירטע געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע פאָרמען...

—==§§§[]§§==—

אברהם אבן עזרא

היסטאָרישע ערצעהלונג

פון ד"ר ל. פיליפּסאָן

— 7 —

קאַפּיטעל 6

אבן עזרא אַלס תלמיד אין ר' יהודה הלוי'ס ישיבה

צומאָרגענס, מיטאָג-צייט איז אברהם געשטאַנען פאַר די טויערען פון יהודה הלוי'ס הויז. באַכדעם, ווי ער האָט געמאָלדען דעם וועכטער, אַז ער איז איינער פון די תלמידים, האָט איהם יענער אַריינגעפיהרט אין אַ גרויסען זאַל, וועלכער איז איבערפולט געווען איבער די ברעגעס מיט יונגעלייט. ס'איז געווען מיטאָג-צייט אַלע שילער זענען געווען פערטאָן אין אַ לייכטען שמועס, וואַרטענדיג, ביז מען וועט צוגרייטען פאַר זיי דעם מיטאָג.

הגם אברהם האָט זיך בעמיהט מען זאָל איהם נישט בעמערקען האָט דאָך איינער פון יונגוואַרג, וואָס איז בעקאַנט געווען צוליב זיינע רויטע האָר אונטער'ן נאָמען דער „רויטער יצחק", זיך נישט בעקאַנט בעהערשען און אַ פרעג געטאָן אויפ'ן קול:

— ווער איז דאָס דער יעניגער, וואָס איז אַהער אַריינגעקומען?

— צי געפעט דען עמיצער האָבען דאָס דרייסטקייט צו בעטרעטען יהודה'ס הויז, נישט אָנפרעגענדיג פריהער? — האָט איהם איינער פון אַ ווינקעל אַרויס געענטפערט מיט אַ פערוואונדערטער שטימע.

— פאַרוואָס דען נישט — האָט דער „רויטער" זיך נישט געלאָזט אָפּוועגדען — צו מיינסטו, אַז דער וועכטער קאָנטראָלירט אַזוי גענוי די אַריינקומענדע? צו איז דען נישט מעגליך, ס'זאָל זיך דאָ אַריינכאַפּען אַ פּוילענדער, אַ טעלער-לעקער, אויסמישענדיג זיך מיט אונז, מיט'ן צוועק צוגעניסען פון בתנם'דיגען עסען פון אונזער גרויסען פּראָפעסאָר.

— אָבער זיין געוויסט האָט דאָך ערות, אַז דאָס איז נישט אַזעלכער, האָט איהם הערוועלבער פון ווינקעל געענטפערט, און באַלד דערנאָך צוגעגאַנגען צו אברהם'ן:

— זיי מיר מוחל, אונבעקאַנטער, אויב כ'האָב זיך ערלויבט צו דיר צוצוקומען און פרעגען עטליכע ווערטער — האָט ער אָנגעהויבען און אַ יוגענדליכע שעמעוודיגקייט האָט בעדעקט זיין פּנים — דו ביסט דאָס ערשטע מאָל אין אונזער געזעלשאַפט, אפשר ביסטו אויך אַ פרעמדער אין אונזער שטאָט, קען איך דיר קומען צו הילף.

— קאָרדאָוואַ איז מיר נישט פרעמד — האָט אברהם רוהיג געזאָגט — אָבער שוין גאַנץ לאַנג, ווי כ'בין פון איהר אַוועק — דיר בין איך פון טיפסטען האַרץ דאַנקבאַר פאַר דיין טובה, וואָס די ווילסט מיר טאָן.

דאָס הונגעריגע יונגוואַרג האָט מיט אַפּעטיט גענומען עסען דאָס שמאַקהאַפטע געקעכטס, וואָס מען האָט אין מיטען אַריינגעטראָגען און באַלד האָט זיך די טיר געעפענט און ר' יהודה הלוי איז ערשינען.

אין איינאויגענבליק האָבען זיך אַלע פון די פּלעצער אויפגעשטעלט, בעגריסענדיג זייער לעהרער. אויף זיין צייכען האָבען זיך אַלע נאָכאַמאָל אַנידערגעזעצט. יהודה האָט זיך אַרומגעקוקט און ווען ער האָט בעמערקט אברהם'ן, האָט ער צו איהם לייכט געשמייכעלט. ער איז צוגעגאַנגען, צום, פאַר איהם צוגעגרייטען אָרט און זעצענדיג זיך האָט ער אָנגעהויבען:

— וויכטיגע געשעפטס-ענינים האָבען מיר געשטערט אייך צו בעזוכען. אָבער איצט האָב איך זיך אַרויסגעריסען און געקומען זעהען, צי ס'איז פרידען מיט אייך. — אפשר איז דאָ עפּעס בייעס אין דער וועלט פון וויסענשאַפט און פּאָעזיע? — האָט ער ווייטער געצויגען — דערצעהלט, וועלען מיר קענען אַרויסזאָגען אונזער מיינונג.

אַלע האָבען געשוויגען, נאָר דער „רויטער" איז אויפגעשטאַנען מיט זעהר פורכט, זאָגענדיג:

— אין דער וועלט פון פּאָעזיע ווערט איצט זעהר פיל גערעדט וועגען אַ ניי ליד „די מלחמה" אָדער וועגען דעם „שאַך שפּיל", דאָס דאָזיגע שפּיל האָט געפינען אַ סך אַנהענגער אויך אין אונזער שטאָט, און דאָס האָט איהם געדינט דעם דיכטער אַלס אַ טעמע פאַר זיין מוזע. איך האָב עס אַפילו נאָך נישט געזעהען אין אמת, כ'ווייל עס נישט לערנען, ווייל, לויט ווי ס'שיינט מיר, טוט זיין איבהאַלט פערשוועכען די היילינע שפּראַך, אין וועלכע ס'איז געשריבען.

— מיר, דאַכטען שיינט, פערקעהרט — האָט געזאָגט שמואל, דער וואָס האָט פריהער פערטיידיגט אברהם'ן — אויך גאָטספּאָרטיגע, וואָס האַלטען נאָר פון „שירי קודש", קענען הנאה האָבען פון „שירי חול".

— איך האָב געלייענט דעם שיר, וועגען וועלכען איהר זייט אייך מתווכח — האָט נאָך זיך אַנ'אַנדערער אַריינגעמישט — און האָב פון איהם געהאַט אַ גרויסען עסטעטישען גענוס, דאָס ליד איז געשריבען פון אַ גרויסען קינסטלער.

— ניין! — האָט זיך געלאָזט הערען אַ שטימע פון אַ פערטען — מיר דאַרפען בעפאָרצוגען „שירי קודש".

יהודה האָט זיך מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט צוגעהערט צו דער דיסקוסיע, שפּעטער האָט ער זיך געוואַנדען צו אברהם'ן:

— איך וואָלט שטאַרק וועלען הערען דיין מיינונג וועגען דער דאָזיגער זאַך. דער ענין איז וויכטיג, אַז מען זאָל זיך וועגען איהם אַרויסזאָגען.

די דאָזיגע ווערטער האָבען אויף די תלמידים געמאַכט אַן אומגעהויערען רושם, ווייל די גאַנצע צייט, וואָס האָט זיך געפיהרט די דיסקוסיע, האָט זיך אברהם מיט קיין איין וואָרט נישט פערטאָמען.

די האָבען איהם דעריבער בעטראַכט פאַר אַנ'עם-הארץ, וואָס האָט אין אַזעלכע ענינים נישט דאָס מינדעסטע אַהנונג. מיט אָפענע מיילער האָבען זיי געוואַרט אויף די תשובה, וואָס דאַרף קומען פונ'ם פרעמדענס מויל.

— איך וועל נישט לייקענען, אַז די שפּראַך פון גאָטס אויסדערוועהלטען פאָלק איז הייליג. אָבער די תורה פערבאָט דאָך נישט פון לערנען אַלע חכמות און וויסענשאַפטען. פערקעהרט: די הייסט אונז דאָס נאָך יאָ, כדי צו פערשטעהן גאָטס גרויסקייט, דאַרפען מיר פריהער מכשיר זיין, צוגרייטען אונזער גייסט מיט וויסענשאַפט, עסטעטיק און קונסט, כדי צו בעצייכענען אונזער שפּראַך, ברויכען מיר זינגען אין איהר נישט נאָר „שירי קודש", נאָר וועגען אַלעם וואָס מיר טראַכטען און פיהלען.

די אַנטוואָרט האָט אויף אַלע שטאַרק געווירקט די האָבען אַזאַ דורכגעטראַכטע תשובה פונ'ם „ארי-מאַן" נישט ערוואַרט צו קריגען.

— לויט מיין מיינונג, איז דער שיר, וועגען דעם „שאַך - שפּיל" אַ מייסטער - שטיק, און נישט קיין וואונדער: ער איז אַרויס פון דער פעדער פון בעריהמטען אבן עזרא — האָט אַ תלמיד געזאָגט:

— אבן עזרא! — האָט יהודה אויסגערופען, אויפהויבענדיג זיך פון זיין אָרט — דער דאָזיגער מענש, וואָס בעהאַלט זיך אויס און קיינער ווייסט נישט, וואו ער איז. צי איז איצט בעוואוסט געוואָרען, וואו ער האַלט זיך אויף?

— ניין, מיין רבי — האָט דער יונגערמאַן געענטפערט — פון דער צייט, וואָס ער איז אַוועק פון טאָלעדאָ, זענען אַלע שפּורען וועגען איהם פערלוירען געגאַנגען.

— אומזיסט האָב איך געגישטערט און געפאָרשט — האָט יהודה טרויעריג גערעדט — אומזיסט האָב איך איהם אומעטום אַרומגעזוכט און געוואָלט בעצאָהלען דעם חוב צו זיין משפּחה. זיינע ספרים האָב איך געלערנט, פערוואונדערענדיג זיך אויף דעם פיל וויסען פון זייער מחבר. אָ! ווי האָב איך דאָס גליק איהם צו האָבען ביי מיר אין שטוב!

ס'איז שטיל געוואָרען. קיינער האָט נישט דערוואַגט איבערצורייסען די שטילקייט. יהודה איז צוריק אַרויף אויף די וועגען פון דער פריהערדיגער דיסקוסיע.

— הערט מיך אויס מיינע קינדער — האָט ער מיט אַ הויכער שטימע גערעדט, קוקענדיג אויף אַלע, איהר זאָלט וויסען, אַז מיין מיינונג אין דער דאָזיגער פראַגע איז דיזעלבע, וואָס דעם ביי'ם תלמידס, הגם ס'איז אַפילו נישט איצט די פּאַסיגע צייט — די צייט פון עסען — אויף צו בעשליסען אַזעלכע ענינים, אָבער איהר דאַרף פערשטעהען: מיר, יודען, לעבען היינט נישט אין אונזער לאַנד, מיר זענען צושפּרייט צווישען די פעלקער, און אַז כדי זיי די פעלקער זאָלען וויסען, דאָס מיר זענען אַ קלוג, געבילדעט פאָלק, מוזען מיר לערנען אַלע חכמות און וויסענשאַפטען. נישט זיצען אין דער פינסטערניש.

— וואונדערליך! — האָט איינער פון די יונגעלייט אויסגעשריגען — איך גלויב אָבער נישט, אַז מען זאָל זיין אומשטאַנד עקספּראָמט צו דיכטען אין דער העברעאישער שפּראַך. זי בעזיצט נישט די מעלה פון לעבעדיגקייט.

— אויך מיר איז שווער צו גלויבען, אַז אַ העברעאישער דיכטער, אויף ווי ווייט ער זאָל נישט בעהערשען די שפּראַך, זאָל פּרובען זיין כוח אויפ'ן דאָזיגען ביי'ם וועג אין דער דיכטונג — האָט יהודה מסכים געווען.

אברהם האָט זיך נישט געלאָזט אָפּוועגדען, און איז געבליבען ביי ס'זייניגע, אַז אויך אין העברעאיש איז עס מעגליך. דעם „רויטען" וועמען דער פרעמדער איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגען, האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען. אַביסעל צו ליב קנאה. און אַביסעל צוליב זיין דרייסטקייט. ער האָט בעשלאָסען אברהם'ן „אַרונטערצורייסען". פּראָפּאָנירענדיג, אַז ער זאָל ווייזען דער ערשטער, דאָס ער בעזיצט אַזאַ טאַלאַנט, צו שאַפען אַ ליד עקספּראָמט.

אברהם האָט אויסגעדריקט זיין גרייטקייט, אַדרבה, זאָלען אַנדערע אויך זיך פון איהם לערנען. זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען נאָהענט צו יהודה'ן און ביי אַנ'אומגעהויערער שטילקייט האָט ער אויסגעזונגען, אַ שיר, וואָס איז געווען, לויט ווי ס'איז איהם אויפגעגעבען געוואָרען.

בעת'ן זאָגען, האָט ער אויף קיינעם נישט געקוקט. נאָר טיף פערקלערט, זענען איהם די ווערטער אַרויס פון מויל, ס'האָט געקלונגען, ווי אַ הערליכע מוזיק. ער האָט אין די טויטע ווערטער אַריינגעגעבען לעבען. אַלע זענען געזעסען פערגאַפט, צוהערענדיג זיך צו די הערליכע קלאַנגען פון זיין שפּראַך. זענען געווען פערפּלעפט.

ווען ער האָט געענדיג, האָט אַ געשריי פון גרויסער התפּעלות פערהילכט די שטוב. יהודה איז אויפגעשפּרונגען פון זיין שטול, אויסשרייענדיג:

— ווער ביסטו, אברהם? נישט אַנדערש, ווי דו ביסט עס דער גייסטיגער ריז, דער אבן עזרא!

— יאָ! איך בין אברהם אבן עזרא פון טאָלעדאָ.... — האָט אברהם געזאָגט, אַראָפּלאָזענדיג די אויגען צו דער ערד.

יהודה האָט פון גרויס איבעראַשונג געכאַפּט אבן עזרא'ן אין זיינע אָרעמס, האָט איהם געהאַלזט און געקושט, שעפּטשענדיג צו איהם אין אויער:

— אברהם, איך וועל זיין צו דיר ווי אַ פאָטער און דו — צו מיר ווי אַ זוהן, ווייל קיין זוהן האָב איך נישט!....

(ווייטער פרייטאָג).

פון העברעאיש בעאַרבייט דורך א. אבּאַזאהן

יעקב פראנק — דער פאלשער משיח

פון ד"ר ה. שולמאן

— 8. —

רבנים צושמעטערן די בלבולים פון די פראנקיסטען

די שווערע בעשולדיגונגען וועגען עלילת־דם, וואס די פראנקיסטען האבען געווארפען אויף די יודען אין דעם היסטארישען וויכוח מיט די רבנים אין דער קאטעדראלער קירכע אין לעמבערג, איז געווען דאס שענדליכסטע, וואס זיי האבען געוואגט צו טון אין זייער פערדארבענהייט. דא אבער, וואו עס האט זיך נישט געהאנדעלט אין פראגען פון אמונה און די רבנים האבען נישט געהאט מורא צו האבען, אז מיט זייער פאלעמיק וועלען זיי אבריהרען די קריסטליכע רעליגיע, האט דער יודישער צד זיך געפיהלט זיכערער. די פראנקיסטען האבען בענוצט אלט־בעקאנטע אפגעדראשענע בלבולים, געשטיצט מכלומרשט אויף ציטאטען פון יודישע ספרים און זייער גאנצער בעשולדיגונגס־באגאזש איז אין דער יודישער וועלט געווען פון לאנג בעקאנט. פאר די רבנים איז די פערטיידיגונג איצט אנגעקומען זעהר לייכט און דער לעמבערגער רב ר' חיים הכהן ראפאפארט האט געהאלטען א גלענצענדע רעדע, וואס איז געווען הימעל־הויך, פון דעם באבאלען פראנקיסטישען פלפול.

— די פראנקיסטען — האט ר' חיים הכהן ראפאפארט געזאגט — האבען ערקלערט, אז ווען די ווארפען אונז פאר, דאס יודען פערגיסען בלוט, טוען זיי דאס אויס ליבע צום גלויבען און נישט אויס נקמה און רשעות. אזוי ווי די דאזיגע בעשולדיגונג האט נישט קיין שום שייכות נישט מיט'ן גלויבען און נישט מיט דער קריסטליכער קירכע, איז קלאר, אז דא שטעקט א כוונה פון נקמה און רשעות. עס איז געגען דעם נאטור־געזעץ און געגען שכל, אז מיר, די קינדער פון אברהם, יצחק און יעקב, זאלען מארדען און פערלאנגען מענשליך בלוט. אזא בלבול איז נישט געהערט געווארען געגען קיין שום פאלק אין אזיען, אפריקא, אדער איראפא, זיי ווילען אונז פארווארפען, אז מיר וואשען אפ אונזער אונשולדיג פערגאסען בלוט מיט'ן בלוט פון אנדערע. דערביי פערגעסען זיי אבער, אז אפילו ווילדע חיות אין וואלד טוען דאס נישט. וועלען דאס ציוויליזירטע יודען אוודאי נישט טון. די תורה זאגט, אז ווער עס פערגיסט מענשליך בלוט, זאל אויך זיין בלוט פערגאסען ווערען, ווייל דער מענש איז בעשאפען געווארען בצלם אלקים". קריסטליכע געלעהרטע ווי הוגא גראציוס און גריגאר לעסוס איטאליאנוס לייקענען אפ די בערעכטיגונג פונ'ם בלוט־בלבול געגען יודען, און זיי זאגען בפירוש, אז מיר פיהרען זיך גענוי לויט תורת משה און ווען מיר טון אויך, וואס דער תלמוד הייסט, איז דאס נישט אויף בטל צו מאכען די תורה אדער צו בעשימפען די קריסטען, נאר צו פערשטארקען דאס אפהיטען די תורה און צו מאכען ארום איהר א „סיג" (צוים)! און ווען די תורה זאגט אונז אן: „דם כל בשר לא תאכלו, כי נפש כל בשר דמו הוא, כל אוכליו יכרת", צי מעג מען אונז נאך חושד זיין, אז מיר פיהרען זיך געגען די געזעצען פון גאט און פון דער נאטור? קאן דאס אימיצענס פערשטאנד בעגרייפען?

ווענדען מיר זיך דעריבער צו דיר, עהרווירדיגער הער מיקוליטש־מיקולסקי, קירכליכער קאנאניקוס און לעמבערגער גענעראל־אדמיניסטראטאר זאלסט אין ערנסט פון די דיין טיפען פערשטאנד גלויבען, אז די בעשולדיגונג וועגען בלוט־בלבול איז געשאפען געווארען פון אונזערע שונאים, וועלכע פערדרעהען און פעלשען די אמת'ע כוונות פון אונזערע ספרים כדי צו קומען צו זייערע אפנארערישע מיינונגען. מיר ווענדען זיך צו דיין געוויסען און שוץ, וויסענדיג, אז גאט, דער העכסטער מחבר פון דער תורה און דער קלוגסטער ארויסגעבער פון איהר, האט אייך בעשטימט, אז איהר זאלט דאס פערשטעהען, און אונז בעפרייען פון דער בעשולדיגונג און אנערקענען אונזער אונשולד.

די דאזיגע איינפאכע, אבער איבערצייגענדע ווערטער האבען אויף אלע פערזאמעלטע אין דער קירכע געמאכט א שטארקען איינדרוק. דאן האט שוין ר' חיים הכהן ראפאפארט גאר לייכט צושמעטערט די טענות פון די פראנקיסטען און פערניכטעט דאס קארטען־שטיבעל מיט בלבולים, וואס זיי האבען אויפגעבויט.

די שאלה וועגען רויטען וויין — האבען די רבנים ארגומענטירט — איז א נארישע, אין ירושלמי פסחים זאגט ר' חייא, אז מיר דארפען טרינקען אום פסח פיר כוסות וויין. דער וויין קאן זיין אלט, אדער יונג ער מוז בלויז האבען דעם געשמאק און די פארב פון וויין. אמבעסטען וואלט געווען רויטער וויין, ווייל די ביבעל האלט דעם רויטען וויין פאר'ן בעסטען, ווי דער פסוק זאגט אין משלי: „יין כי יתאדם". דאס זעלבע זאגט אויך דער טור און דער שולחן ערוך. אין קאמף געגען אונז האבען די שונאים פון תלמוד אויסגעלאזען דעם אנהויב פון ט"ז און האבען זיך אפגעשטעלט אויפ'ן סוף. פונדעסטוועגען זאגט זיך דארט, אז מען דארף גיכער נעהמען רויטען וויין, ווייל ער איז בעסער.

ס'איז אויך פאלש פערטייטשט די מיינונג פון „עוד רמז", אז דאס מיינט מען א וואונק. ווייל א וואונק הייסט אין העברעאיש „קריץ" (משלי ט"ז ל'). און וואס די פראנקיסטען פרעגען, צי עס ווערט דערצעהלט אין חומש, אז פרעה האט געלאזט שעכטען קינדער, מוז מען זאגען, אז דאס שטעהט טאקע נישט אין חומש, מיר האבען דאס אבער אין דער טראדיציע און עס ווערט דערפון ארויסגעדרונגען, ווי שלעכט פרעה איז געווען. דער „זכר לדם" מיינט אויך א חוץ דעם בלוט פון די קינדער, דאס בלוט פון „קרבן פסח", וואס די יודען האבען געשאכטען ביי יציאת מצרים. ווי דער פסוק זאגט: „והיה הדם לכם לאות על הבתים אשר אתם שם" (שמות י"ח י"ג) און בנוגע די חרוסת, הייסט זיי ר' יחיאל מאכען שיטער פון עפעל, געווירץ און אינגבער, אלס א צייכען פון פרעה'ס גרויזאמקייט צו די יודען ביים בוי פון פתום און רעמסס. דער עפעל איז א סימבאל פון ליים און די געווירצען זענען א סימבאל פון שטרוי.

די פראנקיסטען פרעגען: צו וואס מיר דרוקען דעם דין וועגען רויטען וויין און ווי אזוי די בלוט־בעשולדיגונג קאן זיך נעהמען פונ'ם וויין? קאנען מיר דערויף ענטפערן מיט דערזעלבער פראגע: וואס פאר א שייכות האט דער וויין צו דער בלוט־בעשולדיגונג? ווייטער קאנען מיר זאגען, אז עס זענען הייגט פארהאן לענדער, וואו מען קאן טרינקען רויטען וויין און מען מאכט דארט נישט צוליב דעם קיין בלוט־בלבולים. א שטייגער ווי: דייטשלאנד, איטאליען און טערקיי.

גאנץ פאלש איז אויך די ערקלערונג, אז „אדום" — רויט איז דאס זעלבע „אדום" (עדאם). דא ווערט גערעדט בלויז וועגען רויטען, אדער וועגען וויין און נישט וועגען קיין אנדערע זאך. דער רמב"ם זאגט אויך נישט אין ערגעץ אויפ'ן ווארט „אדום", אז דאס מיינט מען יענע, וואס רוהען זונטאג, ס'איז אויך נאריש צו זאגען, אז מיר נעהמען נקמה פון די קריסטען דערפאר, וואס פרעה האט געשאכטען יודישע קינדער, ווייל די קריסטען שטאמען דאך נישט אפ פון פרעה, און ווען די קריסטען וואלטען אפילו ארויסגעקומען פון די מצריים אדער פון די אדומים, האט אונז אויך די תורה אנגעזאגט: „לא תתאב אדומי, כי אחיך הוא, לא תתאב מצרי, כי גר היית בארצו" (דברים ל"ג ח').

די נוטריקון פון ר' יהודה זענען גאנץ פשוט'ע, אין מנחות פרק שני ווערט אויך געזאגט, אז ר' יהודה פלעגט תמיד מאכען אזעלכע נוטריקון. ביי די עשר מכות האט דער נוטריקון (דצ"ך ע"ש באח"ב) נאך אן אנדערען טעם. ווייל ער בעצייכענט דעם סדר פון די מכות גענוי, ווי זיי זענען דערצעהלט אין דער תורה און נישט ווי עס איז דערצעהלט אין תהלים (קאפיטעל ע"ח פסוק מ"ד).

לעכערליך איז אויך די אויסטייטשונג פון ר' יהודה'ס סימנים אויף אזא שטייגער ווי די פראנקיסטען טייטשען אויס די סימנים („דם צריכים כלנו על דרך שעשו באותו איש חכמים בירושלים) איבערהויפט די צוויי ביתי'ן אין „באח"ב". איינמאל עס ביי זיי „באותו" און איין מאל „בירושלים". גלייך אזוי קאן מען אריינטייטשען אנדערע ווערטער. איבערהויפט ווען מען היט זיך נישט פאר א ווידערשפרוך און מען שעהמט זיך נישט צו זאגען איינמאל, אז נאר די רבנים ווייסען עפעס וועגען בלוט, און דאס אנדערע מאל זאגט מען, אז אלע יודען געברויכע בלוט.

איהר פרעגט אונז, פארוואס מיר זענען אזוי אפגעהיט ביים באקען די מצות? קאנען מיר אויף דעם בלויז ענטפערן, אז מיר טון דאס, ווייל די תורה הייסט אזוי, ס'איז אבער א שקר, אז דער שולחן ערוך זאגט, אז מען זאל נישט לאזען באקען מצות אין אנוועזענהייט פון א נכרי, פון אן עבד, פון א שוטה, אדער פון א קטן. ווייל עס שטעהט דארט בלויז, אז מען זאל נישט לאזען קנעטען די מצות דורך א נכרי א. א. וו. אנוועזענד ביים קנעטען מעגען אפילו זיין הונדערט נכרים. דעם בעסטען סימן האט איהר, אז אין אזעלכע שטעט, וואו עס געפינט זיך נישט קיין יודישער בעקער, באקט מען מצות ביי א קריסטליכען בעקער אין הויז.

די מעשה מיט'ן ערל אין ירושלים, וועלכער איז דערמארדעט געווארען, ווייל ער האט זיך אריינגעגנב'עט אין בית־המקדש, האט אפגענארט די כהנים און געגעסען פונ'ם „קרבן פסח", איז פארגעקומען לויט דער תורה (כל בן נכר יכל ערל לא יאכל בו). יענער ערל האט דווקא געוואלט עסען פונ'ם „קרבן פסח", האט ער פערדינט דעם טויט. איז דאס אבער נישט געקומען צו קיין משפט, ווייל אזוי ווי מען האט דעם ערל דערקענט, איז ער פון המון דער'הרג'עט געווארען. ס'איז אויך נאריש צו זאגען, אז מען האט איהם גע'הרג'עט צוליב דעם, וואס מען האט געדארפט האבען זיין בלוט, צו וואס האט מען געקאנט דארפען זיין בלוט, ווען די מצות זענען שוין פריהער געווען געבאקען? אויסערדעם. דארף מען בעטראכטען די צייט, ווען דאס איז געשעהן. דאס איז וואהרשיינליך, פארגעקומען איידער אייער משיח איז געקומען, אדער ווען דאס איז אפילו געשעהן נאכדעם ווי אייער משיח איז געקומען און די קריסטען זענען דעמאלט אלע געהיהען גע'מל'ט. טא, ווי קאן מען בעשולדיגען די יודען אין קריסטען־מארד. ווען עס האט זיך דעמאלט געהאנדעלט וועגען אן ערל?

מיר האבען אין אונזער טראדיציע, אז מען דארף זיך היטען בשעת תקופה און מען דארף דעמאלט מאכען מאכלים צודעקען. אזוי ווי קהלת זאגט אבער „שומר מצווה לא ידע דבר רע", איז עס א חוב צו עסען מצה אין דער ערשטער נאכט פסח, אפילו ווען מען קאן אין די אנדערע טעג פסח נישט עסען קיין מצה. און ווייל מיר היטען די דאזיגע מצווה, האבען מיר דעמאלט קיין מורא נישט פאר קיין שום סכנה.

א גר טאר נישט עסען פונ'ם „קרבן פסח", פאר וואס? לויט ווי הלל זאגט, איז א גר, ווי איינער, וואס קומט צוריק פון א קבר, וועלכער טאר נישט צו קומען צו קיין הייליגקייט, ווי לאנג ער האט זיך נישט געוואשען און געווארט ביז זונען־אונטערגאנג, א שקר מוחלט איז אויך, אז דער רמב"ם האט געוואלט מתיר מאכען מענשען - בלוט, ווייל דער רמב"ם אסר'ט אפילו ארונטערצושלינגען דאס בלוט פון אן'אייגענעם צאהן.

דער „וויכוח" צווישען די פראנקיסטען און די רבנים אין לעמבערג האט זיך געצויגען פון 17־טען יולי ביז'ן 10־טען סעפטעמבער 1759.

ווען פראנק האט געהערט, אז דער וויכוח האלט שוין ביים סוף איז ער מיט זיינע מענשען געקומען קיין לעמבערג, דעם 25. אויגוסט 1759. דאס איז פארגעקומען אויף א קעניגליכען שטייגער. אין א קארעטע געשפאנט אין זעקס פערד, איז געזעסען דער „האר" אנגעטון אין טערקישע קליידער. נעבען איהם זענען געווען 12 מענשען אויף פערד און הינטער איהם מעהרערע פראנקיסטען מיט זייערע פרויען און קינדער, וועלכע האבען געדארפט ווערען אפגע'שמד'ט.

גאנץ לעמבערג איז געלאפען קוקען אויף דעם בייז וואונדער, אבער די לעמבערגער יודען האבען זיך אויסבעהאלטען, האבענדיג מורא צו קוקען אויף דעם פערפיהרער און אנגארער. מיט פראנקען איז אויך געקומען זיין ווייב חנה'לע, אויך געקליידעט רייך אויפ'ן טערקישען שטייגער.

דער גלח מיקולסקי האט איבערגעגעבען צו בעטראכטען די פראגע וועגען עלילת־דם צו א גלחישען געריכט און דערווייל האט ער צוזאמענגערופען א זיצונג פון גלחים און מאנאכען, כדי צו בעראטען וועגען אופן פון אפ'שמד'ען די פראנקיסטען. דעם 10. אויגוסט 1759, האט מען אין מעהרערע

(ווייטער זעה 19־טע זייט)

היטלער'ן מוז מען חתונה מאכען!...

מאנאלאג פון א פוילישען יוד, וואס איז „פערדייטשט" געווארען בק"ק בערלין

פון י. אבערזשאנעק

איהר דערקענט מיך נישט? דאס בין איך, מאיר'ל דער סופר, פון מרדכי גבאי'ס גאס!

נישט צו דערקענען מיך, זאגט איהר. גאר אן אנדערער מענש, הא? די בארד האט פון צרות איינגעטריקענט. די יופיצע איז פערקירצט געווארען די יאהרען, די הויזען אראפגעלאזט „פא ווארשאווסקי". א גאנצער פריץ געווארען, הא? — אלץ דער דייטש, ימח שמו וזכרו!

ווי אזוי איך בין געקומען קיין דייטשלאנד, ווייסט איהר דאך מסתמא, ווער ווייסט עס דען נישט? — גאנץ לאדז האט דאך בשעתו געקליגעט מיט דער מעשה. וואס, איהר געדענקט נישט די מעשה? אויב איהר געדענקט נישט, וועל איך זי אייך נאכאמאל איבערדערצעהלען:

געווען איז עס דעם ערשטען מלחמה־יאהר, ווען ר' יעקב האט אין לאדז געכאפט יונגע, מאסיווע מאנספערשוינען און זיי עקספארטירט קיין יעקע־לאנד, צו „טרייסטען" די פער'יתומ'טע דייטשקעס....

און איינער פון די „טרייסטערס" בין איך געווען, מיך, דעם מאסיווען מאנספערשוין" האט יעקב אויסגעקליבען און מיך עקספארטירט קיין מאמע בערלין.

אבער נישט אזוי לייכט בין איך געקומען קיין בערלין — איך בין געקומען א האלב טויטער א קאלעקע בין איך געקומען.

— ווי אזוי?

— אט ווי אזוי:

ביים פערשרייבען מיך, ווי איך הייס, ווי אלט איך בין, וואו געבוירען, גיט מיך דער שטיפער יעקב א פרעג:

— מיט וואס בעשעפטיגט איהר זיך?

— א „סאפער", האב איך געזאגט אויף דייטש..

— „וואס"? זי זינד שאפער"?

— יא, זאג איך, א סאפער, מיין טאטע איז געווען א סאפער און מיין זיידע איז געווען א סאפער — איך בין א סאפער בן סאפער.

— „זא האבען זי געלערנט שאפער"? — פרעגט מיך ווייטער דער דייטש.

קרייץ (זיי זאגען א רבן־קדיש נאך דער דייטשער

— אויף דער אלעקסאנדער גאס.

— „זי מיינען, אויף אלעקסאנדער פלאץ" — אויסגעצייכענט!

צומארגענס רופט מיך דער זעלבער יעקע, פיהרט מיך צו צו א גרויסען לאסט־אויטא —

— „הער מייער, פראבירען זי ביטע, דיזען וואגען"....

— וואס הייסט!? קוק איך אן דעם יעקע א פערוואונדערטער — וואס הייסט, איך זאל פראבירען?

— הער דייטש, זאג איך, איהר זענט משוגע? ווי קום איך צו אן אויטא?

— „אבער לאז"! — האט דער יעקע צו מיר א געשריי־געטון „זי האבען דאך זעלבסט געזאגט, דאס זי שאפער זינד"! און אין איין מינוט, בין איך שוין געזעסען ביים רעדעל.

איך האב געקוקט אויף דעם „משחית". רבש"ע, וואס טוט מען דא? שווארצע רעדער זענען מיר געפלויגען פאר די אויגען, נישט ווילענדיג האב איך ערגעץ א קוועטש־געטון ביי א קנעפעל, און.. אין 5 מינוט שפעטער, בין איך שוין... געלעגען מיט א געשפאלטענעם קאפ אין שפיטאל — פון דעמאלט־אן בין איך אין דייטשלאנד!

מיינט איהר דאך אפשר, אז מיר האט עפעס געפעהלט אין דייטשלאנד? האט איהר במחילה א גרויסען טעות. מיר איז געווען וואויל. גאר א גרויסע ראלע האב איך געשפילט. כ'האב כסדר „געטרייסט" די טרויעריגע דייטשקעס און האב פערנומען גאר הויכע אמטען:

וואס בין איך נישט געווען? באלד אין אנפאנג בין איך נאמינירט געווארען אלס „הויפט מזוזה קאנטראלער". שפעטער בין איך געווארען „שעף פון דער ציצית־פלעכטער־קאמפאני", און פון דעמאלט אן בין איך געגאנגען אלץ העכער און העכער: „גענעראל־אינספעקטאר דער מקוה־אדמיראליטעט". „נוי־יאהרס־טראמפעטער" (בעל־תוקע). „קנאבען־אפעראטאר" (מוהל). עסראג־בענטשער, האגאדע־זאגער, מאלקעס־שלעגער, הושע־נא־קלאפער, האמאן־דרעהער, קאדיש־זאגער, עיל מאלעי־ראכמים־מאכער — אומעטום דער הער מייער הער מייער און הער מייער. איך בין געווען אין זכר אין בערלין — וואויל איז מיר געווען!...

איז דאך אבער אויפגעלעגט געווען אן אומגליק, איז אויפגעשטאנען א היטלער ימח שמו, און אויס מייער! אלעס האבען די היטלעריסטען צוגענומען. מזוזות קוקען איבער — היטלעריסטען. די ציצית־פלעכטער־אינדוסטריע איז איבערגעגאנגען אין די הענד פון ריינע ארייער. בעל־תוקע איז איצט היטלער'ס בעל־יועץ — ראזענבערג (ער פאהרט ארום איבער דער וועלט און צובלאזט דעם היטלעריזם....) מוהלים ווערען היטלעריסטען (זיי שניידען לעבעדיגע שטיקער פון יודען....) מלקות־שלעגער זענען היטלער'ס תלמידים (זיי שלאגען, נישט נאר ערב יום־כפור, נאר ווען ס'לאזט זיך). קדיש־זאגערס זענען די ברוינהעמדעדיגע מיט'ן האקענ־

קולטור. נאך דער דייטשער ציוויליזאציע, נאך דער דייטשער קאנסטיטוציע, נאך דער דייטשער דעמאקראטיע). — אלץ האבען פערכאפט די היטלעריסטען!

אבער נישט געזארגט. איך האב אויסגעפונען א מיטעל, ווי אזוי א סוף צו מאכען צום היטלעריזם. הלואי זאל דאס מיר נאר געלונגען!

ווי אזוי?

אט ווי אזוי:

ווי איהר ווייסט, איז דער גאנצער היטלעריזם א פשוטער שווינדעל, אדאלף היטלער איז אן'אלטער בחור, וועלכער וויל אנטאפען א פעטען נדן, און אזוי ווי אלס מאלאזש האט ער נישט געקענט טון קיין גוטען שידוך, האט ער עס פערקאכט א קאשע, און דאס געשעפט איז איהם געלונגען, איצט, אז ער האט זיך „דאראביעט" און איז געווארען רייכסקאנצלער פון דייטשלאנד, קען ער טון גאר א לייטישען שידוך מיט א פעטען נדן, און טאמער האט ער טאקע חתונה איז אויס היטלער!...

איצט בין איך טאקע געקומען קיין לאדז אויפזוכען מיין שדכן, דעם געלען בטע. ער, דער געלער בטע, האט שוין גרעסערע קאקערס ווי היטלער אוועקגעלעגט, איינער האט זיך א יאהר נאך דער חתונה אויפגעהאנגען. א צווייטער האט זיך צומארגענס נאך דער חתונה, אראפגעווארפען פון פינפטען שטאק. א דריטער איז געשפרונגען אין דער ווייסעל אריין, א פירטער האט זיך געשאסען, א פינפטער האט זיך געשאכטען אויף גלאט כשר א. א. וו. א. א. וו.

רבותי, אפשר ווייסט איהר, וואו ס'געפינט זיך מיין שדכן, דער געלער בטע? נישט קיין באיקאט, נישט קיין פראטעסט־פערזאמלונגען, נישט קיין פעטיציעס צום פעלקער־בונד, נישט קיין תעניתים, נאר דער געלער בטע — מיר מוזען היטלער'ן חתונה מאכען, און טאמער וועט ער פאלען צום געלען בטע אין די הענד אריין, איז אויס היטלער!..

— יודען, וואו וואוינט דא ערגעץ דער געלער בטע?....

א מעשה מיט א פויער וועלכע קען דינען אלס משל וועגען יודען

(געפונען פערשריבען אין אן'אלטען כראניק)

פון ד"ר א. גינזבורג

איך האב אין מיינעם א גאַנץ אויסגעדריקט מיין בעוואונדערונג, וואס ד"ר זשיטלאָווסקי קען זיין אזוי אומפּאַרטייאיש, אזוי שטרענג לאָגיש, אזוי ריין־שכל'דיג אין דער צייט, ווען יודיש בלוט גיסט זיך ווי וואַסער. האָבען מאַנכע פון מיינע לעזער בעלאָזט פון זיך הערען. זיי האָבען אַריינגעשיקט בריוועלעך. אַלע, מיט דער איינציגער אויסנאַהם פון א ה' הערשבערג, האָבען אויסגעדריקט זייער אונצופריעדענהייט מיט דעם פּאָעט, ה' הערשבערג האָט זיך אָנגענומען דעם פּאָעטס קריוודע.

האָב איך אָפּגעדרוקט ה' הערשבערגס בריוועל און האָב געענטפערט, וואָס איך האָב געענטפערט. דער נאָמען פון מיין אַרטיקעל איז געווען „וועגען מאַנכע אַנטיסעמיטישע טענות".

האָב איך געמיינט, אַז דערמיט האָט זיך אַלץ געענדיגט. לאָזט זיך אויס, אַז „אַ מענש טראַכט און גאָט לאַכט". איצטער איז ד"ר זשיטלאָווסקי אַרויס מיט אַן אַרטיקעל, וועלכער הייסט „ווען זאָל מען פערריכטען דעם דאַך?"

אין דעם דאָזיגען אַרטיקעל זייענען האָט ד"ר זשיטלאָווסקי צו מיר טענות, הלמאי איך האָב אויסגעלאָזען זיין נאָמען. מען מעג, זאָגט ער, דערמאָהנען זיין נאָמען אפילו ווען מען רופט איהם אַנטיסעמיט. צו דעם חנ'עוודיגען ווערטעל, זאָגט ער, איז זיין הויט שוין לאַנג פערהאַרטעוועט געוואָרען. מען האָט איהם מיט דעם נאָמען בעגעגנט אין דער העברעאישער פּרעסע (ראַק די פּאַר פלוכטע העברעיער מיט זייער פּרעסע!) גלייך ביי זיין ערשטען עפענטליכען אַרטיקעל, אין 1887.

בין איך זיך מודה, און זאָל דאָס מיר נישט פערדעכענט ווערען פאַר אַ צו־גרויסען חטא, אַז ד"ר זשיטלאָווסקיס ערשטער אַרויסטריט איז מיר אומבעקאַנט. צו יונג געווען. זיך נאָך געוואַלגערט אין בית־המדרש. די טרפה'נע העברעיאישע פּרעסע האָב איך שוין דאַן געלייענט, אָבער אַזוי ווי אויף צו־להכעיס האָב איך גראָדע יענע פלעצער, וואו מען האָט ד"ר זשיטלאָווסקין גערופען אַנטיסעמיט, מסתמא פערזעהען.

מיין איך נישט, חס־ושלום, צו צווייפלען אין ד"ר זשיטלאָווסקיס בעהויפּטונג, אַז מען האָט איהם שוין דאַן גערופען אַנטיסעמיט. איך גלויב איהם באמונה־שלמה. וואָס איך לייקען אָבער אָפּ איז, אַז איך האָב איהם גערופען אַנטיסעמיט. איך האָב אין מיין אַרטיקעל גערעדט וועגען אַנטיסעמיטישע טענות בכלל, אויב ד"ר זשיטלאָווסקי האָט זיך דערפיהלט, איז עס אסור מיין שולד.

בלייבט די טענה הלמאי איך האָב נישט דער־מאָהנט זיין נאָמען. שלאָג איך זיך אין האַרצען „חטאתי". איצטער טו איך תשובה און דערמאָהן זיין נאָמען מעהר ווי איין מאָל.

וועגען דעם, וואָס איך האָב געהאַט צו זאָגען אין מיין אַרטיקעל „וועגען מאַנכע אַנטיסעמיטישע טענות" זאָגט ד"ר זשיטלאָווסקי קיין איינציג וואָרט נישט. ער בעגנוגענט זיך מיט אַ מעשה'לע, די מעשה'לע דערצעהלט פון אַ פּוילען פּויער'על, וואָס האָט געהאַט אַ צופוילטען דאַך אויף זיין כאַטקע, „וואָס ווי־באַלד אַ רעגען פלעגט מען שיער דערטרונקען ווערען אין זיין שטוב".

„פאַרוואָס פערריכטסטו נישט דעם דאַך? פרעגט איהם דער פּריץ.

„פּריץ־לעבען! אַז ווען זאָל מען דאָס פערריכטען? ווען עס רעגענט, קען מען דאָך דרויסען נישט אַרבייטען; און אַז עס איז טרוקען, איז דאָס אַ דאַך, ווי אַ דאַך".

פערשטעהט זיך, אַז דאָס איז אַ משל. דער פּוילער פּויער'על איז דאָס יודישע פאָלק, און דער פּריץ־לעבען, וואָס מוסר'ט איהם וועגען דעם דאַך, איז מסתמא ד"ר זשיטלאָווסקי.

איך וועל דערציילען אַן אַנדער'ע מעשה, וואָס איך האָב געפינען פערשריבען אין אַן אַלטען כראָניק.

אַמאָל, מיט יאָהרען צוריק, האָט ערגעץ אין אַ ווייטען דאָרף געלעבט אַ פּויער. האָט דער דאָ־זיגער פּויער זיך געהאַט זיין אייגענס אַ שטיקעל נחלה. די נחלה זייער איז נישט געווען קיין גאַנץ גרויסע און אויך נישט קיין גאַנץ גוטע. דאָס שטיקעל לאַנד, וואָס ער האָט פערמאָגט איז געווען אָרעם, שטייניג און בערגיג. נעבעך, אַן אָרימער פּויער געווען. אָבער אַ נחלה איז אַ נחלה. בעסער ווי גאָרנישט. האָט דער פּויער געאַרבייט שווער און ביטער, ביז עס איז איהם געלונגען אויסצו־בויען אַ שטוב מיט אַ דאַך, וואו ער האָט זיך געקענט שיצען פון רעגען און שטורעמס. פון האַנ־דעל און וואַנדעל נישט געוואָלט וויסען. ער וואָס איך געהאַט אַ ווערטעל: „דער סוחר האָט פאַלשע וואָג אין זיין האַנד".

ויהי היום, האָט פּאַסירט אַן'אומגליק מיט אונ־זער פּויער. נישט ווייט פון איהם האָט געוואוינט אַ פּריץ. דער דאָזיגער פּריץ איז געווען רייך און מעכטיג. האָט זיך דער רייכער פּריץ מישב געווען און איז בעפאַלען דעם אָרימען און שוואַכען פּויער. און דאָס איז קיין חדוש נישט, אַזוי איז שוין דער סדר־העולם! דער רייכער פערשלינגט דעם אָרימען, דער שטאַרקער דעם שוואַכערען, פער־שטעהט זיך, אַז דער רייכער פּריץ האָט זיך גע־פונען אַן'אויסרייד, די רייכע און מעכטיגע געפי־נען שטענדיג אַן'אויסרייד. דעם רייכען פּריץ איז נישט געפעלען געוואָרען די הדרכים פון דעם אָרי־מען פּויער; זיינע פיהרונגען, זעגען אַנדערש. וואָס טויג איך די רייד, דער רייכער פּריץ איז בעפאַ־לען דעם אָרימען פּויער, האָט איהם בערויבט, צובראָכען רוק און לענד און איהם אַרויסגעיאָגט פון זיין הויז.

האָט זיך אונזער אָרימער פּויער אַרומגעבלאָנ־קעט איבער דער וועלט. געווען דאָ און געוואַן־דערט, און זיך נישט געפונען קיין מנוחה. די גאַנצע צייט האָט ער נישט אויפגעהערט צו בענ־קען נאָך זיין אָרימער נחלה. מיט אַמאָל האָט אונזער פּויער דערהערט פרעהליכע נייעס פון זיין אַלטער היים. היות, אַזוי און אַזוי, דער רייכער פּריץ, וואָס האָט איהם בערויבט און פערטריבען פון זיין נחלה, איז אַליין געוואָרען אַ יורד. ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט? ווידער אַמאָל די אַלטע מעשה: אַ שטאַרקערער פּריץ איז יענעם בעפאַלען.

מעשה בס, איז דער נייער פּריץ געווען פרייגד־ליך צו אונזער אָרימען פּויער און האָט איהם דערלויבט זיך צו בעזעצען אויף זיין נחלה.

נישט אַזוי לייכט, איז עס אונזער פּויער אָנ־געקומען. די אַרומיגע שכנים, וואָס האָבען זיך אונטערגעזעצט אויף זיין נחלה, האָבען איהם נישט געוואָלט דערלאָזען. „מיט'ן שווערד אין איין האַנד און מיט דעם רידעל אין דער צווייטער" האָט אונזער פּויער געקעמפט און געאַרבייט, ביז ער האָט דילנס דערגרייכט. ער האָט אויסגעבויט אויפ'ן אַלטען פּלאַץ אַ נייע הויז, וואָס האָט געהאַט אַ דאַך.

האָט זיך אונזער פּויער אַזוי אָפּגעלעבט אויף זיין נחלה שעהנע עטליכע יאָהר, ביז ער האָט דערוועקט געגען זיך דעם צאָרן פון דעם שטאַרק־סטען און מעכטיגסטען פּריץ, וואָס האָט געשלונ־גען רעכטס און לינקס. די גאַנצע דעמאָלסדיגע וועלט האָט ער פערשלונגען, דער נאָמען פון דעם דאָזיגען פּריץ איז געווען, אויב איהר ווילט וויסען, רוים.

שוואַך און קליין ווי אונזער פּויער איז גע־ווען, איז ער אָבער געווען אַ פער'עקשנ'טער נפש. ער האָט דווקא געוואָלט פיהרען זיין אייגענעם אַרט לעבען. ער האָט זיך געשטעלט געגען רוים, און, מערקווירדיג, דער דאָזיגער שוואַכער פּוי־ערעל האָט געפיהרט אַ מורא'דיגען קאַמף מיט זיין אַריבער באַלעבאַטישקייט, אַ קאַמף, וואָס האָט דעמאָלט כמעט נישט געהאַט זיין גלייכען. נישט אַזוי לייכט איז עס אָנגעקומען רוים צו בעזיגען. און טאַקע דערפאַר איז רוים געוואָרען מורא'דיג בייז אויף איהם; און ווען ער האָט איהם ענדליך בעזיגט, האָט ער זיך מיט אונ־זער פּויער'על אָפּגערעכענט אויף זיין שטייגער. זיין נחלה האָט ער חרוב געמאַכט, נישט געלאָזען אין איהר אַ שטיין אויף אַ שטיין. איהם אַליין האָט ער צוקוילט און צובייזלט און פערטריבען ווייט־ווייט פון זיין אַמאָליגער היים.

אונזער אָרימער פּויער האָט זיך ווידער גע־מוזט נעהמען צום וואַנדער־שטעקען. ער האָט גע־וואַנדערט פון דאָרף צו דאָרף, פון שטאָט צו שטאָט און פון לאַנד צו לאַנד. וואו אַ טאָג, דאָרטען נישט קיין נאַכט. איבעראַל האָט מען איהם בעליידיגט. פון איבעראַל האָט מ'מען געטריבען. איבעראַל גע־ווען אַ פרעמדער. ער האָט אַלץ אַריבערגעטראָגען. אַ פער'עקשנ'טער אומה. ערגעץ וואו האָט נאָך ביי איהם געטליעט, און טליעט נאָך עד היום, אַ האָפ־נונג, אַז סוף־כל־סוף וועט ער קריגען זיין נחלה צוריק.

לעבען אָבער מוז מען. מען לעבט איבער־געוואָלט, מען קען די נשמה פון דעם גוף נישט אַרויסשפּיען. האָט זיך אונזער אָרימער פּויער גע־נומען צו פעדלערי, פעדלערי, אגב, איז נישט זיין איינציגע אַרבייט. ער בעשעפטיגט זיך אויך מיט אַלערליי מלאכות, אָבער גאַנץ אָפט טראָגט ער זיך אַרום מיט אַ פּאַק און קלאַפּט אין די טירען: אַ שווער לעבען, אַ מיאוס לעבען, אָבער דאָך אַ לעבען.

אַזוי וואַנדערענדיג מיט'ן שווער'ען פּאַק האָט איהם איינמאָל בעגעגענט דיינער אַ בעקאַנטער, וואָס האָט פּרעטענדירט צו זיין זיינער אַ פריינד, פּאַסירט האָט עס דווקא אין אַ צייט, ווען מען האָט דעם אָרימען פּויער'על געיאָגט און געהעצט פון אַלע זייטען, האָט איהם דער בעקאַנטער אָפּגעשטעלט און האָט איהם מיט תרעומות אין זיין שטימע גע־זאָגט:

„זאָג נאָר דו, פּוילער פּויער, פאַרוואָס טראָג־סטו זיך אַרום מיט'ן פּאַק? פאַרוואָס פערריכטסטו בעסער נישט דיין דאַך?"

האָט זיך דער פּויער אָפּגעשטעלט און האָט מיט פערוואונדערטע אויגען אָנגעקוקט זיין בעקאַנ־טען. ער האָט נישט פערשטאַנען, וואָס דער בעקאַנ־טער רעדט. איהם האָט זיך אָפּגעדוכט, אַז זיין בעקאַנטער וויל פון איהם חוזק מאַכען.

ענדליך האָט דער פּויער אַרויסגעשטאַמעלט: בעט איך?

„וועגען וואָס פאַר אַ דאַך רעדט איהר, איך וועגען אייער דאַך, וועגען דעם דאַך פון אייער הויז".

האָט איהם דער פּויער ווידער אָנגעקוקט, האָט אַ קוועטש געטון מיט די פּלייצעס און האָט געענט־פערט עטוואָס בייזליך:

„זאָגט מיר, ר' קרוב, האָט איהר נישט גע־פונען קיין בילכערען פון וועמען חוזק צו מאַ־כען? וואָס, איהר ווילט מיר נאָך שיטען זאַלץ אויף די וואונדען? וועלכע הויז? וועלכער דאַך? מיין הויז האָט מען לאַנג צוריק פון מיר צוגענומען, בישטאַ קיין הויז, בישטאַ קיין דאַך און בישטאַ אפילו קיין שוועל".

„וואָס הייסט נישטאָ קיין הויז, בעשר איך ווילט זיך דווקא אייער אַלטע הויז. פאַר־וואָס בויט איהר זיך נישט קיין נייע הויז, אויף אַ נייעם פּלאַץ?"

דער פּויער האָט איהם בעטראַכט און האָט זיך אָפּגערופען האַלב־שפּאַסיג, האַלב־פער־דראָסיג:

„ווען איהר וועט זיך דערוויסען פון אַ נייעם פּלאַץ, וואו מען וועט מיר לאָזען בויען אַ הויז, זייט אַזוי גוט און לאָזט מיר וויסען. מיין אַדרעס איז: איבעראַל".

און אַזוי זאָגענדיג האָט ער זיך אומגעקעהרט און איז ווייטער געגאַנגען. זיין וואַנ־...

* * *

די מעשה האָט זיך נאָך נישט געענדיגט.

דאס פובליקום וויל זעהען שעקספירן

(פון דער סעריע: אנהויב יודיש טעאטער אין אמעריקא)

פון זלמן זילבערצווייג

פּונקט אַזוי ווי איצט איז אויך דעמאָלט געווען אַמעריקע איינגעטיילט אין 2 טיילען: ניו־יאָרק, די הויפּטשטאָט און אַלע אַנדערע גרעסערע און קלע־נערע שטעט. יעדער אַקטיאָר האָט געשטרעבט צו שפּילען אין דער הויפּטשטאָט. פּונקט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען דער אַטעסטאַט, אַז מען איז אַ גרויסער אַקטיאָר. האָט מען געמעגט מאַכען די בעסטע געשעפטען אָדער האָבען דעם גרעסטען ער־פאָלג אין אַזעלכע שטעט ווי שיקאַגאָ, פילאַדעל־פיע, קליוולאַנד א. אַנד. האָט אַלץ געצויגען קיין ניו־יאָרק. דעריבער איז פערשטענדליך, אַז אויך טאָמאַשעווסקי, וועלכער איז שוין געווען אַ גרויסע פירמע אויף דער פּראָווינץ, האָט זעהר געשטרעבט צו קומען אין ניו־יאָרק. דאָס איז אָבער נישט געווען אַזוי לייכט, ווייל די 2—3 יודישע טעאַטערס, וועל־כע האָבען שוין געשפּילט דערזעלבער צייט אין ניו־יאָרק, זענען בעלעגען אין די הענד נישט פון פּריוואַטע דירעקטאָרען, נאָר פון אַקטיאָרען, וועל־כע האָבען מורא געהאַט אַנדער'ע „צוצולאָזען צום פּסוק".

נאָך אַ בס, וואָס די געשעפטען אין ניו־יאָרקער יודישען טעאַטער זענען נישט געווען אַזוי פּויגעל־דיג און די אָנגעזעהענע אַקטיאָרען פלעגען זיך דעריבער אַרויסלאָזען אַליין גאַסטראָלירען איבער דער פּראָווינץ. אַזוי ווי טאָמאַשעווסקי האָט גע־שפּילט מיט אַ טרופּע אויף דער פּראָווינץ איז אויסגעקומען, אַז די גאַסטראָלערען זאָלען קומען צו איהם שפּילען און אַזוי נאָך איז ער בעקאַנט געוואָרען מיט די דעמאָלסדיגע סטאַרס סאָפיע און משה קאַרפּ, וועלכע זענען געווען פון די גאָלד־פאַדען־אַקטיאָרען, מיט יעקב פּ. אַדלער און זיינע צוויי פרויען דיינע (שפּעטער די פרוי פון זיגמונד פייב־מאַן) און סאָרא. טאָמאַשעווסקי האָט אויף אַד־לערן געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק. ער האָט איהם נישט בעטראַכט פאַר קיין קאָנקורענט און ער האָט איהם דעריבער פערבעטען צו זיך אין זיין טעאַטער אין ניו־יאָרק.

דאָס איז געווען טאָמאַשעווסקיס ערשטער אויפ־טריט אין ניו־יאָרק אַלס פּראָפעסיאָנעלער אַקטיאָר. לאַנג אָבער האָט דער שלום־בית צווישען ביידע גדולים נישט אָנגעהאַלטען און טאָמאַשעווסקי לאָזט זיך מחזיר איבער דער פּראָווינץ.

זיין שפּילען אין ניו־יאָרק האָט אָבער אויס־געגומען און צום נייעם סעזאָן ווערט שוין טאָמאַ־שעווסקי אַנגאַזשירט קיין ניו־יאָרק אַלס הויפּט־אַקטיאָר אין טעאַטער רומעניע אָפּערע הויז.

טאָמאַשעווסקי ווערט באַלד אַ ספּעציפישער אַקטיאָר. ער שפּילט נישט קיין פערשידענאַרטיגע ראָלען, ער נוצט אויס זיין אויסערליכע שיינקייט, זיין וואונדערבאַרע גראַציעזע פיגור, זיין אָנציהענדע מעגליכקייט און אַלע ראָלען, וועלכע ער נעהמט שפּילען, זענען ווי אויסגעמאָסטען פון איין טייג. דאָס זענען ליבהאָבער, וואָס ברענען פון לײדענ־שאַפט צו זייערע געליבטע, ליידען, ליבעס־וועהען און דריקען אויס זייער וועהטאָג דורך פער'חלומ־טע ליבעס־לידער. דערביי געהען זיי אַרום פער־בענקט און פערליבט.

אין שפּאַס פלעגט מען דיזאָזיגע ראָלען רו־פען „יאָזעף", ווייל כמעט תמיד האָט דער העלד געהייסען „יאָזעף".

טאָמאַשעווסקיס אויסערליכע שיינקייט, זיין עפעקטפול אויפטרעטען, ווי אויך זיין שיין, בע־חנ'ט זינגען, האָבען תיכף צוגעצויגען די פרויען אין טעאַטער. דאָס פּובליקום פלעגט בעשטעהען מעהרסטענטייל פון פרויען. מיידלעך און ווייבלעך פלעגען קומען אין טעאַטער זעהן דעם וואונדער־שעהנעם מאַן, יעדער האָט אין איהם געזעהן איהר אויסגעטרוימטען געליבטען. טאָמאַשעווסקי־ האָט געוואוסט פון זיין ערפאָלג ביים פרויען־פּוב־ליקום און ער האָט בכיוון אָפט אַ פעי־גלאַנץ־געטון מיט די אויגען אַ גלאַנץ, וואָס האָט געהאַט אין זיך דעם גענוס פון פערבאָטען גליק, פון גע־שלעכטליכען רייץ, ער האָט אויך ווי ווייט אָפּגע־דעקט זיין שעהנעם קערפּער, וואָס איז געווען איינ־געהילט בלויז אין לייכטען טריקאָט.

טאָמאַשעווסקי איז געוואָרען דער כוח המושך פון דער פרוי אין טעאַטער.

בעבי טאָמאַשעווסקי, זיין פרוי, מיט וועלכער ער איז שוין יאָהרען לאַנג צושיידט, דערצעהלט אין איהרע מעמואַרען, אַז איינמאָל ווען ער האָט גע־שפּילט די ראָל פון „פּרינץ אַלעקסאַנדער" און ער איז אַריינגעקומען צו ריישען אויף אַ ווייס פערד האָט איינע פון זיינע פערהערערינס בעקומען אַ נער־ווען־אַטאַקע און מען האָט זי געמוזט אָפּפיהרען אין אַ שפּיטאָל, וואו זי האָט די גאַנצע צייט געהאַל־טען אין איין שרייען: „ער איז מיין קעניג, דער שיינער אַלעקסאַנדער, לאָזט מיך צו צו איהם"!

די אָנהענגערשאַפט, וואָס טאָמאַשעווסקי האָט אין יענער צייט זיך ערוואָרבען ביי פרויען, לאָזט זיך אָנבעסטמען כאַראַקטעריזירען דורכ'ן ווערטעל, וואָס געהט אַרום צווישען אַקטיאָרען, אַז יוען טאָ־מאַשעווסקי איז אַמאָל דורכגעפאָהרען איבער די גאַסען פון ניו־יאָרק מיט זיין קאַרעטע (דעמאָלט זענען אויטאָמאָבילען נאָך נישט געווען), האָט אַ פרוי זיך געוואָרפען אונטער דער קאַרעטע מיט'ן אויסגעשריי, אַז זי וויל איבערגעפאָהרען ווערען, אָבער טאָמאַשעווסקי זאָל זי איבערפאָהרען.

פערשטעהט זיך, אַז טעאַטראַליש און קינסט־לעריש איז טאָמאַשעווסקיס טעאַטער־פּובליקום נישט דערצויגען געוואָרען. מען איז געקומען זעהען טאָ־מאַשעווסקין און איהם הערען זינגען. אָדער טאָ־מאַשעווסקין האָט געצויגען צו גרויסע ראָלען און ווען ער האָט געזעהען, אַז די אַנד'ע יודישע טעאַטערס האָבען זיך אַ לאָז־געטון צו די קלאַסישע ווערק, האָט ער אויך בעשלאָסען צו שפּילען אַ קלאַסישע ראָלע און אַזוי ווי ער איז דאָך געווען אַ ליבהאָבער, האָט ער געלאָזט מאַכען פאַר זיך אַן'איבערזעצונג פון שעקספּירס „האַמלעט". די אי־בערזעצונג האָט געמאַכט דער בעריהמטער ראָמאַ־ניסט זייפערט. זייפערט אַליין אין זיינע מעמואַרען מאַכט חוזק פון זיין איבערזעצונג. ער שילדערט בלומר'שט ווי ער קומט אויף יענער וועלט און שעקספּיר מאַהנט איהם צו דין־תורה, פאַרוואָס ער האָט אַזוי צוקאַלעטשעט זיין בעריהמט ווערק. אין אַנהויב איז ער, זייפערט, אַביסעל צומישט און ווייסט נישט מיט וואָס ער זאָל זיך פערטיידיגען. באַלד אָבער דערמאָהנט ער זיך, אַז שעקספּיר האָט אָנגעשריבען די דראַמע „שיילאָק", אין וועלכער ער שטעלט פאַר דעם יוד שיילאָק אַלס אַ געלד־גייציגען און אַלס איינער, וועלכער מאָהנט אַ שטיק פליישׁ ביי זיין בעל־חוב. ער ענטפערט דאַן שעקספּירן, אַז דאָס האָט ער פון איהם גענומען נקמה פאַר דיזער פּיעסע, וועלכע קען אויסגעטייטשט ווערען אַנטי־סעמיטיש און דערפאַר האָט ער אַזוי צוקאַלעטשעט זיין „האַמלעט".

סיי־ווי־סיי די ערשטע אויפפיהרונג פון „האַמ־לעט" אויף דער יודישער ביהנע איז געמאַכט גע־וואָרען דורך טאָמאַשעווסקין אין יאָהר 1893 אין ניו־יאָרק.

קיין רעצענזיעס וועגען דער ערשטער „האַמ־לעט"־אויפפיהרונג אויף דער יודישער ביהנע זע־נען נישטאָ. נאָר בעסי טאָמאַשעווסקי דערצעהלט אין איהרע זכרונות זעהר אַנאינטערעסאַנטען עפּי־זאָד, ווי אַזוי דער טעאַטער־עולם האָט אויפגענומען שעקספּירס „האַמלעט".

די פּיעסע איז געשפּילט געוואָרען עטליכע וואָכען ביי זעהר גוטע געשעפטען. איין צרה איז נאָר געווען, וואָס דער עולם האָט געקלאַפּט און גערופען דעם פערפאַסער, אַז ער זאָל אַרויסקומען זיך בייגען פאַרן פאָרהאַנג. אַז שעקספּיר לעבט שוין נישט איבער 200 יאָהר, האָט דער עולם נישט געוואוסט. זיי האָבען געוואוסט, אַז ווען מען שפּילט אַ פּיעסע און מען פּאַטשט בראַוואָ, קומט דער מחבר אַרויס און פערנייגט זיך, ווייל ביז דעמאָלט האָט מען דאָך אַלץ געשפּילט פּיעסען פון לעבעדיגע פער־פאַסער, וועלכע האָבען געוואוינט אין ניו־יאָרק.

די אַקטיאָרען האָבען דעריבער געוואָלט מאַ־כען נמזא ווייץ. זיי האָבען געוואָלט גריימירען איינעם פאַר שעקספּירן און איהם אַרויסשיקען.

טאָמאַשעווסקי האָט אָבער אַזוי ווייט נישט גע־לאָזט געהן. מען האָט געמאַכט אַ קאָמפּראָמיס: מען האָט ערקלערט דעם פּובליקום, אַז שעקספּיר קאָן נישט אַרויסקומען זיך נייגען, ווייל ער וואוינט צו ווייט — אַזש אין לאָנדאָן....

דורות

(דערציילונג)

פון יוסף אקרוטני

.2

פון טאטען האָבן די זין און טעכטער נישט געוואָלט וויסן. וואָס אין כאָדעטש, ביי טאטע־מאַמע טוט זיך, האָט קיינער פון די זין און טעכטער נישט געהערט, און איינער האָט וועגן דעם געוואָלט געוואר ווערן פון אנדערן:

„וואָס שרייבט מע דיר פון כאָדעטש? וואָס מאכט די מאמע?..." און צום סאַמע סוף פון בריוו פון שוועסטער צו ברודער אָדער פאַרקערט, פלעגט שטיין אזא פראגע:

„און אליע בער רודערט נאָך?"

האָט ריוועשע, וועלכע האָט געלעבט אין לאָדזש, געהערט, אַז אימיצער איז געקומען פון כאָדעטש, איז זי געגאַנגען אָפּ־נעמען „אַ גרוס פון שטעטל" און ווי נישט אומישנע אַ פראַג־געטאָן: „און ביי אונז אינדערהיים וואָס הערט זיך?"

— נישקשה, דער טאַטע, אַליע־בער מיין איך, איז שוין ווידער באַלעבאָס פאַר זיך, איז אַרויסגעגאַנגען פון עסטרייכער'ס שאָפּע, האָט קיעלעך, מעלקט זיי און האַנדלט אַביסל צו...

אין אמתן איז עס אַזוי נישט געווען. כאָדעטש האָט עפּעס אַנדערש געזען ביי אַליע בערן. נאָר דער בוגרת אין לאָדז האָט דער איירעלער שטעטלשער ייד נישט געוואָלט פאַרמערן דאָס לעבן מיט פריקרע נייעס; אַז אַליע בער איז דערזעלבער כעסן ווי געווען, אַז ער דערגייט דעם אָרנטלכן, שטילן ווייב די יאָרן, ציילט איר די קאַרטאָפל אין טאָפּ אַריין, כאָטש די אָרימקייט איז נישט אַזאַ סטראַשנע. ער האָט געקויפט אַ קליין קיעלע, מעלקט עס, און אַז ס'הערט אויף צוגעבן געגוג מילך, ווערט ער ביין און פייניקט זיין הענטן, מאַכט פון זיך אַ גאַנצע שטאָט רעדן.

אין שטעטל מאַכט מע שוין אפילו חוזק פון אַליע בערן דעם אַמאָליקן חשוב מען זאָגט זיך מיט ביטול:

„אַליע בער מיט די קי."

ווייל נישט וואו, נישט ווען, פירט ער זיין מילך־קיעלע פאַרקויפן. און גיין גייט ער נישט אַליין מיט דעם בהמהלע, נאָר דאָס ווייב מוז מיטגיין, אַן צרומגעהילטע אין אַ פאַטשיילע, מיט אַנגעדראָלענע, שלאָפע פיס. זי גייט פאַרויס פאַר דעם שטומען באַשעפעניש, שטרעקט אויס צו דעם אַ גאָרשקע מיט היי, רוקט זיך אונטערווייליעכס וויטער, ווייטער, ווארום זי וויל דעם קיעלע די היי נישט געבן אויפצועסן, נאָר וויל דאָס אַנטון חשק צוגיין אויפן מאַרק אַרויף, אַ פאַר מייל ווייט.

— מו־מו־מו — שיט די יידינע טרוקן פון פאַרבאַבלטן טוך אַרויס אַנטקעגן דער קו.

אַליע בער מיט די געפלאַצטע האַרטע הענט איילט־נאָך אויף די דאַר־לעדערנע שטיול און צעשפרייטע פלאַסקנדיקע פּאָלעס דער בהמה, וואָס יאָגט זיך נאָך דער באַלעבאָסטע, הוי־בנדיק די געריצטע, גאַוועדיקע מאָרדע.

און אַז די קו ווערט מיד פון נאָכיאָגן זיך נאָך די לאָקנ־דיקע הייצלעך, וואָס דערוויטערן זיך כסדר, בלייבט זי שטיין, ציט־אויס דעם האַלז־זאַק, מעקעט דומפּ, גיט אַ דריגע דאָ מיט אַ פאָדערשטן, דאָ מיט אַ אונטערשטן פוס און לייגט זיך מאַסיוו אַוועק ביים וועג־ראַוו.

אַז הענע שטעלט זיך אַוועק אַן אומבאהאָלפענע, מיט אַ פּאָר בענקנדיגע, פרעגנענדיקע אויגן אַנגעשטעלט אויפן מאַן און אויף דער קו, קאָכט זיך אַליע בער אויף; דאָס שיטערע, פאַרבלאָזע בערדל, ווי פון גרעטן, צינדט זיך ביי אים אָן פון די פלעמלעך אונטער די געדיכטע ברעמען. ער שרייט צו דער יידינע: „בהמה. אקס מיט קאַפּיטעס, האָסט צייט?!" — און נעמט ענערגיש דרייען דער קו ביים פאַרפּאַסקודיעטן שטייפן שוואַנץ, צוקלאַפּנדיק מיט דער האַנט איבערן זאַד.

די אַליע־בערכע סטראַכניעט זיך ווי אַ פלייסיק פערד, וועלכן מ'ווייזט בלויז אַ בייטש און ס'האָט שוין מורא: זי שטעלט זיך אַקעגן דעם בהמהלע מיט די פאָר הייצלעך אין האַנט, שלעפּט זי ביי אַ האָרן, די קו גיט זיך אַ שטעל־אויף אויף די קלאָען. לאָזט אַרויס אַ שאַרפן מעקע, הויבט אָן גע־שווינד, לייכט אונטערלויפן דער אקייגנשפרינגענדיקער באַלע־באָסטע מיטן גרינעם בעזעמל. אַז דער יידינע באַפאַלן אויש אנגסטן און טאַמלט אויף די שלאָפע פיס. אליע בער לויפט נאָך דער בהמה אונטערווייליעכס, הערט נישט אויף צודרייען איר ביים ווידל, הגם אַזוי יאָגן אונטער שטאָל־מענטשן נאָר פוילע קעלבער. צר שטשירעט אויס די ציין און די אויגן צום ווייב:

„בהמה! מו־מו —"

מחמת מורא פאַרן מאַן און אויס שרעק פאַר די יאָגענדיקע בייזע הערנער פון קיעלע, שרייט די יידינע אַ באַנומענע:

„מו־מו־מו,

מו־מו־מו —"

ס'האָט געטראָפן: אליע בער איז געקומען מיטן קיעלע אויפן יאַריד אַרויף, ווען די טאַנדייטערס מיט ווייערע ווייבער און קינדער און געזעלן זענען שוין אַהיימגעפאָהרן וויצנדיק אונטער זיך לעשנדיקע הימלען אויף די הויכע געלענדערס פון דרענגער און קאָזלעס, כאָטש ער, אליע בער מיט דער קו האָט זיך אויפגעכאַפּט ווען גאָט איז נאָך געשלאָפן.

אַ ביטער מזל האָבן ביי אַליע בערן געהאַט זיינע קי; שטענדיק אין זיי געזען חסרונות, אַז שטענדיק האָט ער גע־דאַרפט זיי פאַרקויפן און איינשאַפן זיך אַ פרישס, אַ בעסערס. אַט־דאָס שטענדיקע אַוועק־און אַהיימפירן ס'קיעלע, וואָס האָט זיך, אגב, נישט זעלטן ביי אים געביטן, האָט דעם פאַרעקשנטן תורה־קאָפּ צעטומלט, צעשרויפט, אַז ער האָט געקראָגן אַ מאַני־קאַליע אין קאָפּ אַריין און ר'האָט פלוצאַלבן גענומען שרייען צו זיך און צום ווייב:

„צו וואָס, צו ווען, צו וועלכע רוחות, אַז דאָ קאָן מע נאָר משוגע ווערן!.."

נאָר ווער האָט געהאַט אים צופאַרשטיין און צוזויסן, אַז דאָס פרומע ווייב הענע איז פרום און שטיל אוועקגעשטאַרבן און פרעמדע, אפילו אמאָליקע ידידים, האָבן אויסגעמיטן זיין אַפּגעלאָזענעם הילוך און זיין שטאַר, פאַרביסן פנים. האָט אליע בער אָן ווייב זיך אַרומגעדרייט אַזוילאַנג קריעה בליאה, בפירוש נישט געוווּסט וואָס אים פעלט, ביז וואַנען ער האָט ערגיץ אויפגעכאַפּט אַ גלימל וועגן ארץ־ישראל.

— ארץ ישראל... ארץ ישראל... — איז ער אַרומגעגאַנגען מיט אַ געקנייטשטן שטערן, געביסן עפּעס האַרטס און נעפּלדיקס אין דער צעוואַרעמטער פאַנטאַזיע, אַ פּנים, ער האָט עס דורכ־געביסן, דאָס מטושטעשע, דאָס אומקלאָרע, האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ טיפן חלום מיט אַ „אהאַ", ווי זשע אַנדערש?" גערופן דעם ערשטן־בעסטן ייד, וואָס ער האָט געטראָפן און געפרעגט:

— באַשטייסט?

יענער שטעלט אויס אַ פּאָר אויגן און מיינט, אַז אליע בער איז טאַקע משוגע, ווי משושקעט זיך.

— וואָס, באַשטייסט נישט? — גלאָצט אליע בער אויף דעם ייד מיט כעס, גלייך ער האָט שוין אין דעם ייד אַריינגע־קנעלט שעהן־לאַנג און יענער באַנעמט נאָך נישט די פּראָסטע זאַך.

— אז כ'ווייס נישט, אויף וואָס כ'האָב צו באַשטיין.

— פשש... קאָפּ־מוח... נו, אויף מיין נחלה, צוקויפן מיין נחלה מיט האַק און פּאַק.

— ס'הייסט, צי כ'באַשטיי? אודאי באַשטיי איך, נאָר מיט די יורשים וואָס טוט איר, אליע בער!

— צו וואָס! פאַר וועמען! — צינדט זיך דער מענטש. — איך לעב נאָך, איך פאַרקויף, איך! קאַ' מאַמע־טייל איז נישטאָ, נישט געהאַט מיט איר קאַ' אַקטן.

איז אליע בער פּאַרטיק געוואָרן וועגן קליינעם מקח מיטן קונה פון זיין נחלה, האָט ער שווער און מיד אַליין אַרויסגע־טריבן אויפ'ן יאַריד אין נאָענטן שטעטל אַריין זיין קיעלע, אָן רוגזה עס אונטערגעטריבן, דרייענדיק צו־ווייל ביים עק, באַ־דעכטיק אַריינגעציילט דאָס געלט אין שניפּ־טוך און מיט כוונה, ווי צו אַ הייליקער שליחות, צום לעצטן מאָל צוריקגעגאַנגען קיין כאָדעטש, אָפּגעטרעטן אויפ'ן ווייב'ס קבר און מיט נאַסע אויגנ־וויקלען געזעגנט זיך מיט'ן רב פון שטעטל, גענומען זיין ברכה אויפ'ן וועג קיין ארץ־ישראל, און איז אַוועק.

אַז אליע בערס בוגרת ריוועשע האָט זיך דערוווּסט וועגן טאַטענס אויפטו, האָט זי מיט ישוב הדעת געשריבן צום ברודער אין דייטשלאַנד:

„... אַז איך האָב אַמאָל געזאָגט, אַז די מאַמע אונזערע איז געווען אַ צדקניות, בין איך גערעכט געווען, זי האָט געלעבט באַשיידן און איז געשטאָרבן ווי אַ הייליקע, נאָר מיט אַליע בערלען האָב איך געהאַט אַ טעות. כ'האָב אים געהאַלטן פאַר אַ פאַרדרייטן און אַ זשעני. איצט זעט זיך, אַז ער איז אפילו אַ נישט־דערגאַנגענער משוגענער. די מדרגה וויל ער קענטיג דערגרייכן אין פּאַלעסטינע, וווּ ער איז אויף דער עלטער גע־וואָרן אַ פּאַסטוך, וואָס פיטערט קי און ציגן אויף די פעלדער פון חברון."

אליע בער'ס טאָכטער האָט, שרייבנדיק דאָס, געלאַכט היסטעריש, מיט אַ קוויטשיקל.

(סוף)

✻✻

דער „שאגת אריה" — ליבהאָבער פון פשט

פון ח. קרוגער

דער שאגת אַריה איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין דור.

דיין שיטה אין לערנען איז אינגאַנצן פאַר־שידן פון די איבעריגע לומדים אין זיין דור. ער איז געווען דער גרעסטער געגנער פון'ם פלפול, וואָס איז געווען דעמאָלסט פאַרשפרייט אין אַלע ישיבות און צווישן רבנים.

איינער פון זיינע תלמידים דערציילט, אַז אַ געוויסן טאָג פאַר פסח האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין אַ שאַרפן פלפול מתיר צו מאַכן חמץ אום פסח. דער פלפול־בנין איז געווען אַזוי שטאַרק, דאָס קיינער האָט נישט געקענט אָפּשלאָגן. דאַן האָט איינער פון די שאַרפסטע בחורים אויסגעשריען:

— אויף אַזאַ אופן, רבי, וועלן מיר טאַקע פסח עסן חמץ.

— פּוילער — איז דער שאגת אַריה אין כעס געוואָרן — עס שטייט דאָך בפירוש אין דער תורה „כל מחמצת לא תאכלו"...

דאָס האָט געמיינט צו זאָגן: קוקט בלויז אויפ'ן פשט, ווייל דורך פלפול קען מען פאַרקריכן אַזוי ווייט, ביז אפילו מתיר זיין חמץ אום פסח.

אַ צווייטע געשיכטע וואָס כאַראַקטעריזירט זיין תכונה ווערט דערציילט:

אין מינסק זייענדיג האָט ער געוואוינט אין אַ־ב'אָרים שטיבעלע, וווּ ער איז געזעסן יום ולילה און געלערנט. די טיר האָט זיך געעפנט און אַ ייד איז אַריינגעקומען. דער שאגת אַריה איז געזעסן פאַרטאָן אויפגעלייגט, מן הסתם אָפּגעגעסן אַ זאַ־טען מיטאָג, וואָס פלעגט טרעפן זעלטן וועלטן גענן:

— האָט ער יענעם געגעבן שלום עליכם און גע־פרעגט וואָס איז זיין פאַרלאַנג.

— אַ נדבה וויל איך, אַ נדבה. איך בין אַ מגיד און היינטיגן שבת געדרשנט אין קירוש־נעווישן בית המדרש. איצט גייע איך אַליין פאַר זיך, „אויפמאַכן" פאַר דער דרשה.

— אָבער איך האָב איך גאָרנישט געהערט.

— פאַרטיידיגט זיך דער גאון.

— ס'מאַכט נישט אויס. איך קען אייך איבערזאָ־גן מיין דרשה.

— איז אָפּגעמאַכט. איהר וועט מיר איבערזאָ־גן און איך וועל בעצאָהלען.

— מיין דרשה איז געווען אויפ'ן ערשטן פסוק פון דער תורה: בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ". האָב איך דערויף געפרעגט: פאַרוואָס „בראשית" און נישט „בתחילה"? ברא — פאַרוואָס נישט יצר? אַנשטאָט „אלקים" האָט דאָך געקענט שטעהן „ה'"? די צוויי „אתין" (את השמים ואת הארץ) זענען דאָך געוויס איבעריג. יעדער את קומט דאָך, כידוע, וואָס מרבה צו זיין. וואָס זענען די דאָ מרבה? אַנשטאָט „שמים" האָט געקענט שטעהן „רקיע", און אַנשטאָט „ארץ" — „אדמה".

— דערויף האָב איך אַזוי געזאָגט — צעוויבט זיך דאָס פיעכאַטנע מגיד'ל מישין סקאַרבאַוועז נגון אָבער דער שאגת אַריה האָט איהם איבערגעשלאָגן: — הייסט עס, רב מגיד, אַז לויט אייער מיינונג וואָלט געדאַרפט שטעהן אין פסוק: „בתחילה יצר ה' רקיע אדמה", נו זאָגט אַליין, באַרישער ייד: איז דען נישט פיל בעסער ווי עס שטעהט איצט?...

ער האָט געגלויבט אין זיין כח און געווען געבויג מוטיג אַרויסצוגעהן מיט א דין אויף כשר, אויב נאָר ער איז געווען איבערצייגט דערין, אפילו ווען ער איז געבליבן איינער אַנטקעגן אַלע חברים דיין גלייכע; וואָס פסק'ענען לאיסור, און אפילו ווען דער מנהג אין אַלע קהלות איז ביז איצט געווען דער מנהג לאיסור.

אינטערעסאַנט צו בעמערקן: רב חיים וואָלאָ־זשינער, וועמענס רבי דער בעל שאגת אריה איז געווען, האָט זייענדיג רב אין וואָלאָזשין, איבערגע־לאָזן זיין רבינ'ס דין וועגן דער סירכא אַנטקעגן מכה בדופן. זיין זוהן, רב איצעלע, האָט אָבער מורא געהאַט צו פסק'ענען אַזוי, געגען דעם מנהג בכל תפוצות ישראל. זיין טענה איז געווען: מיין טאַטע האָט עס געהערט פון שאגת אַריה'ס מויל אַליין. אָבער איך, וויל מיך, אינגאַנצן נישט מישען דערין.

דאָס האָט געמאַכט די וואָלאָזשינער דייגים צו שרייבן פאַלגענדען בריף צו די רבנים פון ווילנע: ...וועגן דער שאלה פון אַ סרכא נגד מכה בדופן, וואָס דער פערשטאָרבענער גאון בעל המחבר פון שאגת אַריה, זייענדיג דאָ דער אַב בית דין, האָט געפסק'ענט להתיר, ווי דער בית יוסף, געגען דעם איסור פון רמ"א, גאָר אָה זבדיקת הריאה. נאָך איהם איז אָנגעקומען הרב הגאון רב רפאל, מחבר פון ספר „תורת יקותיאל" און געפסק'ענט ווי דער רמ"א. ב'אָכדעם האָט ער פערלאָזען אונזער קהלה און דער שאגת אַריה איז צוריק אָנגעקומען, און ווען מען האָט איהם ווידער אַמאָל געפרעגט וועגן דער שאלה, האָט ער אונז אָנגעקוקט ווי קינדער און געענטפערט: איך האָב אייך דאָך שוין געזאָגט, אַז איהר מעגט מתיר מאַכן, זייענדיג דאָ פריהער, אַזוי זאָלט איהר טאָן, און האָט גאָר קיין מורא נישט פאַר יענעם כהן (געמיינט רב רפאל הכהן, פריהער־דיגער רב)) מחמת „חכם שאסר", איך זאָג אייך „כשר, כשר", אויפ'ן סמך פון זיין ענטפער האָבן מיר איינגעפיהרט און איינגעשטעלט דאָ אין אונזער קהלה דעם דין ווי ער, וואָס האַלט שוין אַנ'עיד פון 70 יאָהר. יום ב' כ"ג כסלי, תקפ"ב פה ק"ק וואָלוזין, אונטערגעשריבן אַלע דיינים און אַ צאָהל בעלי בתים חשובים. די רבנים פון וועלכע האָבן מסכים געווען דערויף, און אַזוי איז דאָרט דער דין געבלי־בען ביז היינטיגן טאָג. (לתולדות משפחה גינצ־בורג, זייט 39)

דער שאגת אַריה איז געווען כמעט דער איינ־ציגער צווישן די אחרונים וואָס האָבן גע'וואָגט צו רעדן אַנטקעגן תורה אויטאָריטעטען, נישט שרעקענדיג זיך פאַר קיינעם. אין אַ סך ערטער פון זיינע תשובות בענוצט ער זיך מיט צו שאַרפע אויסדרוקען געגען די גרעסטע ראשונים ואחרונים.

—=(:o:)=—

פיניעלע מוזיק
גוט לשון

אזוי גיזינט זאל, ווי מ'קאן קאכן פון בלאכטער — א קאמיטעט אבן זיי גימאכט, די ריכטיגע יאטן, פאר די אנטלאפענע ידען פון דאטש לאנד, זיצען זיי ווי א קאטער אויף דער זרויע און דערציילן מיר ווי מ'קאן קריגן האר־גודלען, אגראציטשנע בראכגארטלען און פראנצויסקע טאר־טעטין.

שרא איך: וואס טויגן מיר ענקערע בראכ־גארטלען מיטן פראנצויסקע טערפעטין? פארוואס גיט מען ניש די אנטלאפענע יודען ברויט מיט אגע־רקעס? — וואס טשאקעט ענק, וואס? מיך עט ענך שוין ניש בעהמען בא פעווניאקו!

איך אב די גאנצע צאט געשריגען: יאט־קען, לאמיר מאכן אנ'איגענעם קאמיטעט, פאר־זאץ ענק ניש אף די גרויסע. זיי טשאקען און כארבישט — איך אב די גאנצע צאט געשריגען דאס רעב איגענע און שרא וואטער.

יעץ גייט א נאיער טשאק: די גרויסע גייען אוועק, קליינע יאטען, פאזארגן מיט פאוויעטזשע — קאלאניעס מאכן זיי פאר אונז! מ' שראבט אין די בלעטער, מ'מאכט זנאטשקעס, מ'שראט: ידען עפענען די באטלען, די קינדער דארפען ליפט, און איך זאג ענק, אז מ'קען גיכער כאפן א צוק, נישט קא ליפט, אז די גרויסע מאכן קאלאניעס, עט עס זעכער אראס ספרינגען צום דריטען מאנעקע לעכטעל.

הערץ, וואס איך פיניעלע זאג: לאמיר זיך ניש פערלאזען אף די גרויסע, מיר, יאטען, דארפען נישט קא פישקעס — מיר עלן זיך ניש שפילן מיט „טאג פאר דער מאמע“ און א „וואך פארן קינד“ — מיר קענע זיך שוין אף די אלע טשאק־מאטים — מיר עלן זיך אליין מאכן א „וואך פאר אונזערע יאטען“. מיר עלן זיך אליין מאכן א שמיקעטניסקע און מויכל טויווים — כ'האב געסקינ־ששים!

דער נייער פרעמיער
וועט געבען א לעקציע

מ'שמועסט, אז די ידיעה וועגן באמינירען עם געוו. בילדונגס־מיניסטער אלס פרעמיער, האט ביי דער אפאזיציע ארויסגערופען א שטארקע התמהה — ער וועט זיי געבען די אמת'ע לעקציע.

דייטשלאנד און בראזיליע

בראזיליען וויל הייבען די פרייזן, ברענט אין קאווע — דייטשלאנד וויל הייבען די פרייזן — ברענט זי ביכער.

אז מ'שמועסט — טעכניק!...
זי האלט זיך איז אייז ריכטען...

א לאנדזער סוחר איז אפגעזעסן אנדערטהאלבען יאהר אין תפיסה פאר א געפעלשטען וועקסעל. די טעג איז ער בעפרייט געווארען. קומענדיג אהיים, פרעגט ער די דינסט, נו, וואס מאכט די מאדאם? ווען איך בין געזעסן אין טורמע, האט זי זיך דעמאלט געייכט אין קימפעט..

— יא, האט די דינסט געענטפערט. די מאדאם ריכט זיך היינט אויך!...

אין דער קיביצארניע
נאך 12 ביינאכט אין „אסטאריא“

— איך האב געהערט א גוטען גראם צו היטלער.

— לאמיר הערען.

— היטלער דער כאם.

— זאל איהם טרעפען דער שלאק.

— דאס איז א גראם? ס'גראמט זיך דאך נישט!

— נו, זאל ער קריגען א שלאק אהן א גראם.

א בריף
פון איהר צו איהם

די פרוי פודערניטשקא האט זיך צעווערטעלט מיט איהר פשיאטשעל, האט זי איהם געשריבען אזא בריף:

„דו וויסטרעטניי באכאלניק!

שוין קליינמאל וועל איך מיך נישט זגאדזשען מיט דיר צו זיין סאם נא סאם, ווען דו זאלסט אפילו קומען היינט 9 אווענד, ווען ס'איז קיין לעבעדיגער מענש נישטא אין דער היים און מיין מאן איז אוועקגעפאהרען קיין פויזען, און מ'קען שמיאלע אריינגעהען דורך דער פאדערשטער טיר, ווייל די דינסט האט גראד דמאלס וויכאדניע — פאסקודני ביאק איינער“!

א שרעקליכער טעות!
היינטיגע צייטען מוז מען זיין פארזיכטיג

באנקיר (טרעפט אנ'אומבעקאנטען נישטערען אין דער קאסע): די הענד אין דער הויך, וואָרום איך וועל שיסען!

אומבעקאנטער: מאכט נאר נישט קיין נאריש־קייטען, כ'בין נאר געקומען קאנטראלירען, צי מיין געלד, וואס כ'האב ביי איך אריינגעלייגט אויף „ראכונעק ביעזשאנצי“ ליגט נאך — די היינטי־גע צייט!....

אזא יונגער בוים, נעביך!...
וואס דארגוזשאנסקי מוז אויסהערען

צום דיריגענט דארגוזשאנסקי איז געקומען א יונגער קאמפאזיטאר מיט נייע לידער. נאך דעם ווי דער יונגער קאמפאזיטאר האט די לידער געזונגען, האט דארגוזשאנסקי געזאגט:

— אך, מיין טייערער, אזא יונגער מענש מיט אזעלכע אלטע לידער...

יורידישע עצות
פון אונזער „קונדס“־יוריסט

איך האב אין אנ'אפטייק בעשטעלט פראשקעס צו קאפ־ווערטאג, האט מיר דער אפטייקער ארויס געגעבען מארפינע, קען איך געגען דעם אפטייקער פערפיהרען א פראצעס פאר שטעלען מיין לעבען אין סכנה?

ענטפער:

ס'לוינט נישט צו פערפיהרען קיין פראצעס, ביי די היינטיגע געפעלשטע מעדיצינען, קען מען גיכער שטארבען פון א פראשעק צו קאפ־ווערטאג ווי פון מארפינע.

אין געריכט

ריכטער (צום גנב): ווי אזוי האט איהר אויפ געעפענט די קאסע?

גנב: פאניע סענדזשע, איהר האט א ברירה מיך צו פער'משפט'ן, אבער צווינגען, איך זאל פערראטען מיינע פאך־געהיימנישען — דאס נישט!

צו וואס אנ'אדוואקאט!

ריכטער (צום אנגעקלאגטען): פערלאנגט איהר אז ס'געריכט זאל אייך צושטעלען אנ'אדוואקאט!?

אנגעקלאגטער: נישט נויטיג! ווען דער הער ריכטער וואלט מיר געקענט צושטעלען א צוויי צפא־נע עדות!....

א זערא

איהר ווייסט, אייער צוקונפטיגער איידעם זאגט אז איהר זענט ביי איהם א זערא.

— אזוי? די זערא וועט איהם טייער קאסטען, כ'וועל איהם אראפנעהמען איין זערא פון נדן...

ווי אזוי וואקסט דער מענש?
א שמועס צווישען בטלנים

ערשטער בטלן: איך זאג, אז א מענש וואקסט פון היבטען ארויף, א סימן, אז מיט 2 יאהר צוריק האב איך אנגעטון א פאר הויזען זענען זיי מיר געווען צולאנג און היינט זענען זיי מיר צו קורץ.

— און איך זאג פערקעהרט: אז דער מענש וואקסט פון אויבען אראפ, א סימן: איך האב בעמערקט אין בית־המדרש ביי שמונה־עשרה, זע־נען אלע יודען אין די פיס גלייך, און אין דער הויך איז אייבער העכער און דער אנדערער נידריגער.

נישט קיין יאלד
שמועס אין קאליע־נארטען

— הער אנ'אומגליק: איך קום נעכטען אהיים טרעף איך מיין יונג ווייבעל אין די ארימס פון א פרעמדען מאנספערשוין — נו, שטעל דיך אין מיין לאגע.

— כ'וואלט מיך בעסער געוואלט שטעלען אין דער לאגע פון דעם פרעמדען מאנספערשוין.

אנ'אנאנס
אין א ווארשעווער צייטונג

אין א ווארשאווער צייטונג לייענען מיר אנאנס:

„אנ'אם מיט וואשען צו א נייגעבוירען ענגע 40 יאהר אלט, ווערט געזוכט.

דער קונדס

● הומאר

● סאטירע

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום נייעם פאלקסבלאט נומער 116

פרייטאג, דעם 19 מאי 1933

א ליעטניק געהט!...

און אפשר איז עס גאר א בעל־הוב...

פאליטיק פון וואך

איז זיך שוין ווידער צוזאמענגעקומען דער רייכסטאג און היטלער האט גערעדט.

כדי היטלער זאל קאנען פיהרען מיט'ן „נייעם" דייטשלאנד, האט מען פערבריענט דעם אלטען רייכסטאג און איב'ם נייעם רייכסטאג האט היטלער געגעבען לשון צו דער וועלט.

וואס האט היטלער געזאגט דער וועלט?

מיר דיפלאמאטען האלטען, אז אין דער פאליטיק איז שטענדיג געזונטער, וואס וועניגער צו רעדען, וואס גרעסער דער פאליטיקער, אלץ וועניגער רעדט ער. לויט זיינע מעשים, ווערט געשאצט דעם פאליטיקער'ס פאליטיק.

אויך היטלערס פאליטיק, איז פאר דער וועלט קלאר, לויט זיינע מעשים, טא, צו וואס - זשע רעדט ער אזוי פיל? זיינע „זיסע" רייד פערבי-טערען דאך די געמיטער.

עס האט זיכער נישט געלוינט צו פערברענ-נען דעם אלטען רייכסטאג, צוליב היטלערס רעדע, האט דאס זיכער נישט געלוינט.

דער לעצטער עהרליך

זאגט אנ'אנטלאפענער יוד פון דייטשלאנד

מיט א יאהר צוריק האב איך אין בערלין געהאט א שכן א דייטש, מיט'ן נאמען עהרליך.

— דאס איז מסתמא געווען דער לעצטער באַ-נען, ווארום אזוי ווי היטלער האט איבערגענומען די מאכט, איז אין גאנץ דייטשלאנד נישט געבלי-בען קיין איין דייטש, וואס זאל זיין עהרליך.

געגען דער קרוין

דענטיסט (צום פאציענט): כ'וואלט אייך גע-ראטען א גאלדענע קאראנע.

פאציענט: אויסגעשלאסען! איך בין א סאציאַ-ליסט, איך בין א פרינציפיעלער געגנער פון א „קאראנע".

היטלער — הינדענבורג

— ווי שטעלסט דו דיר פאר די צוזאמענארבייט פון היטלערן מיט הינדענבורגען?

— גאר פשוט: היטלער שטעהט אויף דער לייטער און טוט איבערמאלעווען דייטשלאנד, און הינדענבורג אלס זיין פאמאצניק, שטעהט אונטער דער לייטער און דערלאנגט איהם דעם פענדזעל.

היטלער און מוסאליני

ווער וועמען און אויף וועלכען ארט ס'קושט...

בעת היטלער האט בעזוכט מוסאליניען אין רוים, איז אנגעגאנגען א דיסקוסיע וועגען דער בעגעגעניש-צערעמאניע: מוסאליני האט געפאדערט אז היטלער זאל איהם קושען די האנד, אלס פאטער פון פאשיזם. היטלער דאגעגען האט איהם גע-וואלט קושען אין פנים, אלס איהען-חבר.

דער אינצידענט איז ביז איצט נישט געענ-דיגט. מחמת ס'איז נאך נישט פעסטגעשטעלט, ווער וועמען און אויף וועלכען ארט איינער קושט דעם צווייטען.

היטלער זאגט

דאס לעבען איז ווי א קארוזעל

היטלער זאגט: דאס לעבען איז אזוי ווי א מענאזשעריע קארוזעל. איצט, למשל, פאהר איך אין דער הויך...

ווישטשיגעס

אויפ'ן דייטשען טראהן

אין דייטשלאנד געהען איצט ווישטשיגעס אויפ'ן דייטשען טראהן. מ'ווייסט נאך נישט ווער ס'וועט גיכער צו קומען: אדאלף דער 1-טער אדער ווילהעלם דער 2-טער.

הא, הא, הא, הא

4 עטאפען פון דייטשלאנדס צוקונפט

— וואס זאגסטו וועגען דער צוקונפט פון דייטשלאנד?

— הא... הא... הא... הא.

— וואס לאכסטו?

— איך לאך גארנישט, דאס זענען טאקע די עטאפען פון דייטשלאנדס צוקונפט: הא. הא. הא. הא. הינדענבורג, הוגענבערג, היטלער, האהענצאלערן.

ווי נעמט מען אויף א פורמאנקע?

ווי איהר ווייסט, האב איך אין מאראנטעק ווייב, נישט פאר אייך געדאכט.

דאכט זיך, איהר דארפט זי קענען? א יורענע פייער, א ברען, א בריה, אומעטום איז זי ס'-אויבערשטע פון שטייסעל: אנ'אקטיווע טשלאנקינע ביי די וואראזשארען, נעהמט אנ'אקטיווען אנטייל אין „לינת הצדק" און פאפירעט שטארק דעם „תומכי אורחים"...

צו דעם אלעם האט זי א שטארקע נייגונג צו קונסט-מאלעריי. זי איז א נאדזוויטשיינע מאלערין. און אפשר מיינט איהר, אז זי מאהלט פארטרעטען דער לאנדשאפטען? — ניעמא גלופיך, זי מאהלט זיך אליין!

הייבט מוזיקאליש — אויף אלע אינסטרומענ-טען: זי שפילט — „פאקער", „דורדע", „באנ-קשאק", „קלאפ און פייף", „21", „אטשקא" און אנדערע סימפאניעס.

ווי איהר זעהט האב איך א יורענע מיט אלע מעלות. וואלט טאקע געווען גוט און וואויל, ווען זי וואלט נישט געווען קיין טשערפיאנצע, זי טשערפיעט בעצעך אויף פערשידענע חולאת'ן ר"ל.

און אפשר וואלט זי אזויפיל נישט געטשער-פיעט, ווען נישט — דער דאקטאר! האבען מיר, (לעז: האט זי) א הויז-דאקטאר, ס'הייסט אנ-געגעבעם דאקטאר. איהר ווייסט נישטא, א דאק-טאר קלאפט אהין, קלאפט אהער. הארכט אהין, הארכט אהער, טאפט אהין, טאפט אהער... ביז ס'הארכט זיך עפעס אויס. און ער טאפט עפעס אן — א מאל „גאל שטיינער", אמאל „נירען", „בערוועך", „אטריעטיס", „קאלך", „שמאלץ", „זאַמד" און אנדערע כעמיטשנע ארטיקלען.

אפשר מיינט איהר, אז דער דאקטאר אליין איז א געזונטער? — חלילה, אויף צו להכעיס קרענקט ער יעדעס מאל אויף דער אייגענער קרענק, וואס מיין ווייב: האט מיין ווייב זאמד — ער אויך — זאמד; האט מיין ווייב שטיינער — ער אויך — „שטיינער"; צולאזט מיין ווייב ס'-שמאלץ, ער אויך — „שמאלץ". און אזוי ווי יעדעס „ארטיקעל" האט זיין „קאמפיעלע" — קאמפיען זיי זיך טאקע בשותפות.

אזוי ווי אלע יאהר פסח צייט, הייבט זיך אן מיין ווייבס חולאת, און אזוי ווי יערען פסח „געפינט" אונזער (לעז: „איהר") דאקטאר אנ'אנדערע קאלעקציע, האט ער אויך הייטיגען פסח דער-שנאפט ביי מיין ווייב — „שמאלץ"!

און אזוי ווי תמיד קומט צו מיר אריין חול-המועד פסח אונזער (לעז: „איהר") דאקטאר און זאגט צו מיר: פאניע פאנטאפעל, ביי אייער פרוי האב איך בעמערקט שמאלץ!

געוויס, געוויס, הער דאקטאר — משה איך מיך גע'פגר'ט, דאס וואס איהר האט געזעהען איז נאך גארנישט, זי האט נאך אין קעלער אויך שטעהען א טאפ פון דריי ליטער.

אבער, פאניע פאנטאפעל! צינדט זיך מיין „ערפינדער" אן: וואס רעדט איהר? סארע קעלער? סארע טאפ! אייער פרוי האט שמאלץ ביים הארץ, זי מוז אומבעדינגט פאהרען קיין קארלסבאד.

איך האב פערשטאנען, אז אונזער (לעז: „איהר") דאקטאר האט אויך שוין בעקומען „שמאלץ ביים הארץ. און אזוי ווי אלע יאהר האב איך קודם כל אוועקגעשיקט הונדערט דאלאר קיין קארלס באר זאדאטעק.

באר ווי זאגט א הייטיג ווערטעל: „מיין ווייב טראכט און דער אוזשאנד לאכט"! אין דער קאסע ברענגט א יאהרצייט-ליכטעל, אין דער קע-שענע בלאזט א ווינד, אין 500 זל. א פאס דערצו — סטאפ קארלסבאד — אויסגעריגען ס'שמאלץ!

געזעהען, אז פון דעם שמאלץ איז געווארען — „קאקאס-פוטער", קומט זיך אריין אונזער (לעז: „איהר") דאקטאר: פאניע פאנטאפעל, כ'האב גע-פונען ביי אייער פרוי „צוקער".

צוקער, זאג איך, דאס האב איך מיר נאך אנגעגרייט פאר גראבסקיס פאלמאכטען, אפשר דארפט איהר פאניע דאקטארזשע, קאן איך אייך אפלאזען עטליכע קילא אויף ראטעס.

מיינער רעגט זיך אויף: ביי אייער פרוי ווייזט זיך, זאגט ער, סימנים פון א צוקער-קרענק, זי מוז שוין פאהרען קיין — „קרעניץ"

האב איך דאך פערשטאנען, אז ביי אונזער (לעז: „איהר") דאקטאר האט זיך אויך בעוויזען — „סימנים". נעהם איך, און שיק אוועק טעלע-גראפיש 500 זל. קיין קרעניץ — זאדאטעק.

דערווייל האט אויסגעריקט די „ערשטע זאַ-ליטשקע", די „צווייטע זאליטשקע מיט פראצענט", מיט א קארע פארן פאטענט.

— צוגאנגען דער צוקער!

געזעהען, אז פון דעם צוקער איז געווארען — מאנטשקע, זאגט צו מיר מיינע מיט אנ'איכה-ניגון": שמשון בעריש! מילא מיין שמאלץ מיט'ן צוקער בין איך דיר שוין מוחל, אבער — די קינ-דער! וואו וועלען זיך נעבעך די קינדער אהינטון, אזא זומער? כאטש א שטיקעל זומער - וואוינונג אין קאלומנע אהער אין ווישניאווע!

האב איך געזעהען, אז זי איז נעבעך כשר גערעכט? וואו וועלען זיך טאקע מיינע (לעז: „זיינע") קינדער אהינטון אזא זומער? האב איך נישט לאנג געטראכט, געכאפט א זומער-וואוינונג און געגעבען 200 זל. זאדאטעק!

מילא זאדאטעק האב איך געגעבען, באר ווי נעהמט מען אויף — דער פורמאנקע?...

יודען בני רחמנים, בארגטס א יוד א מאנו-פאקטוריסט א גמילת חסד אויף א פורמאנקע, ווייל צוליב דער פורמאנקע וועט ער בלייבען זיצען אין לאדז!

האניג פויגעל.

האלט, נישט אזוי שנעל!

אין געריכט

ריכטער (צו דער אנגעקלאגטע): ווי אלט זענט איהר?

אנגעקלאגטע: — פערצ... פינף און דרייס... צוויי און צוואנצ...

פראקוראר: — פאניע וואזשנע, ברענגט גיך אריין א קינדער-וועגעלע.

ריכטער: — צי וואס?

פראקוראר: — אויב די אנגעקלאגטע וועט אין אזא טעמפא יונגער ווערען...

ער קען דעם באנדיט

מיט דער נאכט-פאגאטאוויע פון „לינת הצדק"

דאקטאר (צו א צו'מטית'טען מאן): שעהן זעהט איהר אויס, פינף בילען אויפ'ן קאפ. ביידע אויגען אונטערגעהאקט, 4 ציין אויסגעהאקט, אנ'-אפגעשיילטע באק! דער אנפאלער האט מסתמא פון אייך געוואלט געלד?

— יא, הער דאקטאר...

— איהר וואלט דערקענט דעם אנפאלער?

— וואס הייסט? אנ'אייגען ווייב זאל איך נישט דערקענען!...

ווייבער שמועסען

— זי ווייסען, די פאני גוטע איז געווען ביי א קארטען-לייגערין, האט זי איהר געזאגט, אז זי וועט האבען א מאן און א קינד, און ס'איז טאקע אזוי געווען, באר אין א פערקעהרטען סדר.

אזוי איז עס

— פארוואס הערט מען אויס דעם אורטייל אין געריכט שטעהענדיג?

— ווייל מ'זיצט ערשט נאכ'ן אורטייל.

ער זיצט גאנץ בעקוועם

ער האט גארנישט קיין חשק אראפצוקריכען...

היטלער — א יוד!

— וואס זאגט איהר נישט צו דער סענסאציע? מ'האט דאך אויסגעפונען, אז היטלער שטאמט גאר פון יודען!

— מ'האט דאך געוואוסט, אז זיין מפלה קומען פון יודען!...

פערברענט דעם „יונגען זקן"

פון אונזער בערלינער קארעספאנדענט

בערלין, (ספ. צום „קונדס").

איך דערוויס מיך פון זיכערע קוועלען, אז צווישען די ביכער, וואס זענען פערברענט געווא-רען אויפ'ן אויטא-דא-פע אין בערלין, האט זיך אויך געפונען מאטעלע פראנקענטאלס „יונגער זקן".

די דאזיגע פרעהליכע ידיעה גיב איך איבער אלס טרייסט פאר אלע לאדזער יודען און בתוכם דעם מחבר.

ראזענבערג

אויסקרענקען זאל ער דעם יודישען נאמען!

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וואס דער גרעס-טער דייטשער צורר היהודים טראגט א יודישען נא-מען, ראזענבערג, האט דער „קונדס" דערהאלטען א גאנצע רייה אויפקלערונגען פון פערשידענע לאדזער ראזענבערגס:

אזוי למשל, שטעלען מיר פעסט, אז דער לאדזער יודישער זשורנאליסט, ישראליק ראזענבערג, האט מיט דעם דייטשען ראזענבערג קיין שום געמיינ-זאמעס נישט.

דאס זעלבע קענען מיר מיט דער פולער זיכער-קייט זאגען וועגען דעם פרעזעס לייבוש ראזענבערג.

דער לעצטער בעמערקט, אז דער דייטשער אנטי-סעמיט ראזענבערג איז קיינמאל קיין קלייבהענד-לער נישט געווען, און האט מיט איהם קיין שום געמיינזאמעס נישט.

ס'איז אויך מעהר ווי זיכער, אז דעם מורה הוראה ר' לייביש ראזענבערג בינדט גארנישט מיט דעם שונא-ישראל—ראזענבערג, דערויף האבען מיר א בעשטעטיגונג פון דער לאדזער קהלה.

דאס זעלבע בעשטעטיגט דער לאדזער סוחר פון דיידענצייג, ברונא ראזענבערג — ער האט מיט דעם היטלעריסטישען ראזענבערג גאר נישט קיין געמיינזאמעס.

אויך פון א גאנצע רייה אנדערע לאדזער ראָ-זענבערגס האבען מיר בעקומען די זעלבע אויפ-קלערונגען, וואס מיר טוען מיט פערגעניגען פער-עפענטליכען.

דער „קונדס"-רעדאקציע.

נישט קרעדיט-פעהיג

לאגיק פון א לאדזער געשעפטס-מאן

געשעפטס-פיהרער (צום שעף): ס'איז דא גע-ווען דער סוחר אקסענקאפ פון לעמבערג, ער האט געוואלט א פעקעל אויף קרעדיט און איך האב איהם אפגעזאגט.

שעף: פארוואס?

געשעפטס-פיהרער: ווי קען מען אזא מענש געטרויען? ער האט דאך נאך איינמאל נישט באנקראטירט!...

שווער צו זיין א יוד

פון דר. ירמיהו פרענקעל.

דאכט זיך מיר, אז דאס איז אַן־אמת, וואס קיינעם וועט נישט איינפאלען איהם צו לייקענען, איך וואלט אבער געוואלט צוגעבן א צווייטען אמת, וועלכער וועט נישט איינעם איינפלוג פאר־קומען ווי א פאראדאקס:

וואס ווייניגער איינער איז א יוד, דאס שווערער קומט איהם אן צו זיין א יוד.

איך וויל בעווייזען, אז עס איז אזוי, איך וויל זוכען די סיבה פון דער דאזיגער מערקווירדיגער ערשיינונג. איך וויל אויך — ווי ווייט מעגליך — אויסדריקן דעם „מוסר השכל" און די פראקטישע קאנסעקווענצען דערפון.

צו זיין א יוד מיט׳ן פולען מויל — איז אוודאי נישט לייכט. דאס יודענטום לעגט אַרויף שווערע פליכטען. חוץ דעם, ליידט דער יוד גרויסע יסורים — אויפ׳ן פאליטישען, עקאנאמישען, סאציאלען און קולטורעלען געביט — און ער ווייסט גוט, אז ער ליידט נישט סתם, ווי יעדער מענש ליידט, נאר אויס־דריקליך אלס יוד. פונדעסטוועגן וואלט פאלש געווען צו זאגען, אז אזא יוד קען נישט זיין גליק־ליך. יודישקייט בעצאהלט זיך זעהר גוט, דאס דערפילען פון די פליכטען אליין איז א קוואל פון גרויסען תענוג. דאס געפיהל, אז מען ליידט צוזאמען מיט מיליאנען ברידער, זייט צוויי טויזענד יאהר, פאר דיזעלבע גרויסע אידעאלען, מאכט דעם מענש נישט בלויז שטארק און שטאלץ, נאר אויך גליק־ליך. יסורים, וואס ברענגען שטאלץ און גליק — טוען נישט שטארק וועה.

וואס ווייניגער גליק דער יוד געפונט אין זיין יודישקייט, וואס שוואכער עס ווערט דאס געפיהל פון אחדות מיט דער ליידענדער אומה, וואס ווייניגער אמונה עס האט דער יוד אין די אידעאלען פון זיין קיבוץ — דאס שטארקער פיהלט ער די יסורים, די גרעסטע טראגעדיע איבערלעבט דער היינטיגער משומד אין דייטשלאנד — און אין קלענערען מאס די משומדים און אסימילירטע יודען אין אלע לענדער און אין אלע צייטען. זיי האבען פונ׳ם יודענטום גארנישט בעקומען, נאר יסורים אזעלכע „אומשולדיגע" יסורים זענען ממש נישט צו דערטראגען. נאך טראגישער איז דער מצב פון די, וואס זענען שוין געבוירען אלס גוים; דאס יודענטום איז זיך אין זיי נוקם דורך לאנגע דורות, זיי ליידען פאר די חטאים פון זייערע פעטער און זיידעס, און די דאזיגע קרייזען ווערען היינט אין דייטשלאנד די מייסטע זעלבסטמארדען בעגאנגען. איך האב נאך נישט געהערט, אז א רעליגיעזער אדער נאציאנאלער יוד זאל זיך אזוי איבערנעה־מען מיט די יסורים, וואס ער ליידט אלס יוד, אז עס זאל איהם איינפאלען דורכדעם צו בעגעהען א זעלבסטמארד.

מיר האבען קיינמאל נישט מקנא געווען די, וואס האבען פערלאזט אונזער מחנה אדער וואס האבען זייערע קינדער געפיהרט אויפ׳ן וועג צום שמד, דאס גליק, וואס דאס יודענטום גיט האבען זיי פערקויפט פאר א „געקעכל ליבזען". יסורים פאר׳ן יודענטום האבען זיי ווייטער געליטען. זיי האבען זיך בלויז געטרייסט דערמיט, אז עס איז געלונגען צו ענטלויפען פון אונז: אויב נישט זיי אליין — זייערע קינדער וועלען זיכער גליקליך זיין, אבער אויך די דאזיגע טרייסט האט זיך אַרויס־געוויזען א פאלשע.

לכתחילה האט מען געמיינט, אז די סיבות יודעהאס זענען נאציאנאלע. די, וואס האבען גע־זוכט זייער גליק „אויף יענער זייט", האבען זיך אפגעזאגט פון דער יודישער נאציע. עס האט נישט געהאלפען. אנדערע האבען געמיינט, אז כדי גרינד ליך פטור צו ווערען פונ׳ם יודענטום, מוז מען אוועקווארפען אויך דעם יודישען דת. זיי האבען זיך גע׳שמד׳ט — און עס האט נישט געהאלפען. מאנכע מיינען איצט, אז די שנאה צו יודען ליגט אין עקאנאמישע סיבות; זיי שטעלען זיך אויף די לינקסטע פאזיציעס פונ׳ם קלאסען־קאמף — און עס העלפט ווי נישט. מען קען נישט ענטלויפען פונ׳ם יודענטום. דאס איז די גרעסטע טראגעדיע פון אונזערע רענעגאטען און פון זייערע אומשולדיגע קינדער.

די אויגען פון דער גאנצער וועלט זענען איצט בעווענדט אויף דייטשלאנד. דארט זעהן מיר מיט אונזערע אויגען דעם „שניט" פון עטליכע דורות אנגעשטרענגטער אסימילאטארישער ארבייט. מיט די „שמד׳ניקעס" האבען מיר נישט קיין רחמנות. נאר דער טרויעריגער גורל פון זייערע קינדער רופט אַרויס אונזער בעדויערען.

איך מיין, אז עס זענען היינט שוין נישטא קיין יודען, וואס זאלען זיך איינרעדען, אז די דייטשע טראגעדיע איז א צופעליגע, און אז זי איז ערגעץ־אנדערש נישט מעגליך. „עתידה גרמניה שתתפשט בכל הארצות". די יודען שטערען אין אלע לענדער פאר א קריטישען עתיד. דער נאציאנא־לער יוד שטעהט געוואפענט און ווארט אפ, וואס וועט קומען. עס איז שווער א יוד צו זיין — עס איז אבער ווערט. מיר וועלען זיך ראטעווען, ווי מיר וועלען קענען: גרינגליך — דורך דער שאפונג פון אַן־אייגענעם עתיד אין ארץ־ישראל; מאמענטאַן — דורך ענערגישע בעשיצונג פון אלע אונזערע שטעלונגען. וואס עס זאל קומען — מיר און אונזערע קינדער וועלען בלייבען געטריי ביים יודענטום און ביי זיינע אידעאלען. מיר וועלען דערהאלטען אונזער יודענטום — און דאס יודענ־טום וועט אונז דערהאלטען.

יעדער פאטער וויל, אז זיין קינד זאל גליק־ליך זיין. יעדער יוד מוז זיך איצט אפגעבען רע־כענשאפט דערפון, אז עס איז נישטא פאר קיין יוד קיין גליק אויסערהאלב די גרענעצען פונ׳ם יודענטום. די יודיש־נאציאנאלע שול איז די איינ־ציגע גאראנטיע פון גליק פאר אונזערע קינדער. לאזען דאס וויסען די יודען, וואס זוכען גליק פאר זייערע קינדער אין פרעמדע שולען; זיי גריי־טען צו די קינדער דיזעלבע טראגעדיע, וועלכע עס איבערלעבען איצט די דייטשע יודען. זייערע קינדער וועלען פריהער, אדער שפעטער שטעהען קעגען א פיינדליכער וועלט — מיט ליידיגע הענד. זייער איינציג בלייבען וועט זיין: דער זעלבסט־מארד. שוין נישט נאר דער נאציאנאלער, נאר פראסטער־פשוט.: דער אינדיווידועלער זעלבסט־מארד.

די יודיש־נאציאנאלע שול פיהרט אריין די יוגענד אין דעם אוצר פון די נאציאנאלע ווערטען. זי לערנט אונזערע קינדער צו דערקענען און ליב־צו בעקומען די גרויסע אידעאלען, פאר וועלכע אונזער פאלק האט געקעמפט דורך טויזענדער יאה־רען. זי ווייזט זיי דעם וועג, וואס פיהרט צו אַן־אייגענעם גליקליכען עתיד. זי לערנט זיי אקעגען צושטעלען זיך אלע רדיפות און גיט זיי טרייסט אין א שווערער צייט.

Dr. med

JÓZEF IZYKSON

Południowa 9 — Tel. 210-75

ספעציאליסט פאר אוירען, נאז׳ אין האלז־קראנקה שפראך־ און שטים־שטערונגען.

נעהמט אן פון 5 ביז 7 אָוונט

און אין דער לעטשניצע בושעזשינער 11 פון 11-2

היינט און פאלגענדע טעג!

מעכטיגע לעבענס־דראמע פון מייסטער־רעזשי Gregory La Cava

לויט ערצעהלונג פון דער בעקאנטער ארטיסטין Fanny Hurot

„סימפאניע פון 6 מיליאן"

אין די הויפט־ראלען: דער לאנג נישט־געזעהענער ליבלינג פון די פרויען RICARDO CORTEZ

ווי אויך די רייצענדע העלדין פון „זייט געסל" IRENA DUNN

אויסערן פראגראם:

„אין לאנד פון זילבערנעם לייב"

אנהויב פון די סעאנסען: 4, 6, 8 און 10 אוו.

דער רוף פון קערפער

סענסאציאנעל־עראטישער ראמאן

פראלאג

בכדי אָנצוקומען פונ׳ם קינדער־צימער אינ׳ם שלאף־צימער פון איהר מוטער, האט סטוועריבא געמוזט אדורכגיין א לאנגען קארידאר.

פאר איהר קלייבער מידעלע איז דער דאזיגער וועג געווען א צולאנגער און לאנגווייליגער, און דעריבער האט זי זיך געווענליך בעמיהט, וואס־שנעלער איהם אדורכצולויפען.

איינמאל אבער האט סטווערינא געמוזט שטיין בלייבען אין מיטען לויפען: געשעהען איז עס, אז אין טיר, וואס האט געפיהרט אין דעם באד־צימער האט זיך געעפענט, און פון דארט איז אַרויס אין קארידאר דער בלעכער־ארבייטער וואס האט פער־ריכט א רעהר ביי דער וואנע.

דאס איז געווען א מיטעלוואוקסיגער פערשוין מיט בריטע פלייצעס.

ער האט שארף א בליק געטון אויף איהר פון הינטער אפער זיינע רויטליכע שיטערע ברעמען, און די געוועהנליך־דרייסטע סטווערינא האט זיך עפעס דאס מאל דערשראקען, און זיך א ציה געטון אויף צוריק.

דער דאזיגער שרעק־מאמענט האט תיכף דער־איירט אל־דאס־ווייטערדיגע.

דער פערשוין האט זי געטון א כאפ־אונטער מיט בידע הענד און א ציה געטון זי צו זיך... זי האט דערפיהלט זיין קראפט, און אריינגעצויגען אין זיך דעם ריח פון גאז, מיט וועלכען ער איז גע־ווען אדורכגעזאפט. דאס נישט־ראזירטע פנים האט זיך צוגעקלעמט צו איהר, און די ליפען זיינע האר־בען זיך הייס איינגעצויגען אין איהר האלז.

זי האט זיך געפרובט שיצען.

דער ארבייטער האט א ווארט נישט ארויסגע־רעדט, א קלאנג נישט אַרויסגעלאזט און זיין פנים האט זיך צושהאומען אין א תאווה׳דיגען שמייכעל. די הענד זיינע האבען זיך פערקליבען אונטער דעם געוועב פונ׳ם קליידעל און זשעדנע ארומגעלעגט איהר צארט קערפעריל.

פלוצים האט זיך סטווערינא אויפגעהערט צו שיצען... זי איז ווי פערטויבט געווארען, און איהר פנים האט זיך בעדעקט מיט א בלאסקייט.

ערשט דאן האט זי דער ארבייטער ארונטער־געלאזט אויף דער ערד, און איז שטילערהייד אַר־וועקגעגאנגען.

שפעטער האט די באנע געפינען סטווערינאַן א פערחלשטע, און איהר איז איינגעפאלען, אז דאס מיידעלע האט זיך אדוואי אויסגעגליטשט.

סטווערינא׳ן גופא האט זיך עס אויך געלייגט אויפ׳ן שכל, אז עס איז אזוי געשעהען.

קיצור פון ערשטען קאפיטעל:

סטווערינאַן טרעפען מיר שפעטער מיט איהר מאן, דעם יונגען כירורג, פיער סעריזי אין א מאלערישע שווייצאר־דערפעל, וואו זיי פערברענ־גען די צייט — נאך אלץ פערליבטע אין זיך, שוין צוויי יאהר נאך זייער חתונה —

מיר טרעפען זיי, ווי זיי פרייען זיך מיט זייער יוגנקייט און גליק, פערגעהמענדיג זיך מיט ספארט און געניסענדיג פון דעם הערליכען לע־בען און פון דער נאטור, פון זון און ליכטיגען שניי"....

עס איז דאכט זיך נישטא אזא כוח אויף דער וועלט, וואס זאל זיי קענען צושטערען דאס גליק וואס זאל זיי קענען צושיידען.

אין אלגעמיין טרעפען זיי זיך צוזאמען מיט זעהר ווייניג מענשען, אַן־אויסנאהם איז דאס יונגע ווייבעלע, די פריילין צופלאפעלטע רענע פעווער — אויך א פרוי פון א כירורג, וועלכע בעזוכט אפט סטווערינאַן, און זיי טרעפען זיך אויך מיט איינעם א דאקטאר א ספארטלער, איי־נעם אנרי גיוסאן, וועלכער האט געווארפען אַנ׳ אויג אויף סטווערינאַן און סטווערינא גופא קאן נישט פערטראגען און מיידט איהם אויס.

זיין זיכערקייט, אין זיך, און זיין רייצענדער און פערפיהרערישער שטים ברענגט סטווערינאַן אַרויס פון געדולד און זי פיהלט זיך נישט גוט, נישט וויסט אזוי פון זייבע ווערטער, ווי פון זיין פער׳עקשנט קוקען אויף איהר.

געזעגענענדיג זיך האט גיוסאן פערבעטען דאס פארפאלק, סטווערינא און פיער סעריזי, צו אפ־עסען מיט איהם צוזאמען אוונדברויט.

— דאס איז אונמעגליך — האט סטווערינא דערקלערט — מיר זענען היינט אין אָוונט פער־נומען.

אז זיי זענען אַרויס אויפ׳ן גאס האט פיער א פרעג געטון:

— איז דיר גיוסאן אזוי אנטיפאטיש, אז דו ביזט פעהיג געווען צו זאגען א ליגען? דו ביזט אבער נישט גערעכט: ער איז אַן־אויסגעצייכנעטער ספארטלער, ער איז נישט קיין בריידער, און ער איז דאך אויך זעהר א קולטורעלער מענש.

— איך ווייס נישט וואס דאס איז, נאר איך קאן נישט פערטראגען זיין שטים... מיר ווייזט זיך שטענדיג אויס, אז ער בעמיהט זיך שטענדיג אין אונז צו דערבליקען עפעס אזוינס... זייבע אויגען... זיין אופן פון קוקען... שוין־זשע האסטו עס נישט בעמערקט?... און זייבע שטענדיג פריהרענדע הענד... נו, אין אלגעמיין קענען מיר דאך איהם נישט מעהר ווי צוויי וואכען...

זי האט איבערגעריסען די פראזע, און אין א ווילע ארום פארטגעזעצט:

— אין פאריז וועלען מיר דאך זיך מיט איהם נישט צוזאמענטרעפען? פארוואס ענטפערסטו נישט? האסט איהם געבעטען, אז אויך דארט זאל ער אונז בעזוכען? טייערער פיער... וואס וועט עס זיין מיט דיר? דו קומסט זיך אזוי לייכט צוזאמען מיט מענ־שען, פערבינדסט קאנטשאפטען... ניין, ניין! פערטייד׳יג זיך נישט... ס׳איז זעהר גוט אזוי... אז איך בין דאך נישט ברוגז אויף דיר דערפאר... אין פאריז קאן עס זיין אלץ אנדערש — דארט וועל איך זיך קאנען מיט איהם נישט בעגעגענען אויך.

— רענע וועט נישט זיין אזוי אומצופרידענליך.

— מיינסט אזוי?

— איך בין גארנישט חודש, נאר אז גיוסאן דערשיינט, ווערט זי ענטשוויגען. יא... און וואו עסען מיר היינט אָוונטברויט?

— מיר בלייבען היינט איינדערהיים.

— אויסגעצייכנט... און דערנאך — א קער־טעל.

— ניין, נישט.

— זאל זיין ווי דו ווילסט, טייערע.

און ער האט ווילקירליך צוגעגעבען:

— איך האב זיך קיינמאל נישט פארגעשטעלט אז עס קאן זיין אזא גרויס פערגעניגען — פאלגען דיך... דיין געהארכזאם.

סטווערינא האט מיט ליבשאפט געקוקט אויף איהם.

אין איהר בליק איז געווען א סך צארטקייט, און צו דערזעלבער צייט עפעס וואס אומרוהיגעס, נישטערעדיגעס.

אזוי קוקען יונגע מידלעך.

אין אָוונד זענען זיי געווען אין טעאטער — א טרופע, וואס איז געקומען פון לאנדאָן האט גע־שפילט „האמלעט".

א יונגער בערימטער ארטיסט, מאזעלסקי, א יוד פון דער אפשטאמונג, האט געשפילט די ראלע פון דענישען פרינץ.

סטווערינא איז דערצויגען געווארען אין ענג־לאנד, אבער זי האט נישט ספעציעל גערן געהאט שעקספיר׳ן.

צוריקגעפאהרען איז זי מיט פיערן אהיים אויף א שליטעל.

די האבען זיך געקלאגט איבער׳ן ישבי, וואס איז בעלויכטען געווען פון לבנה־שיין, און — געשוויגען.

סטווערינא האט געפיהלט, אז דער ספעקטאקל, האט אנגעפיהלט פיער׳ס נשמה מיט א טרויער, און נישט מיטמאכענדיג מיט איהם זיינע שטימונגען, האט זי זיי געקאנט צוטערדיג אפהיטען.

— מאזעלסקי איז א גאון —האט זיך פיער פערטראכטערהייד אפגערופען — א מוראדיגער גאון... דו פיהלסט ביי איהם אַרויס די תאווה׳דיגקייט אפילו אינשגעין, אפילו איב׳ם טויט. קיין שום קונסט אין דער וועלט מאכט נישט אזא שטארקען איינ־דרוק, ווי די תאווה! ביזט נישט מסכים מיט מיר?

סטווערינא האט זיך נישט געקאנט ענטשלי־סען איהם צו ענטפערען, און פיער האט פערטראכ־טערהייד פערזיגדיגט זיין געדאנק:

— יא, ...דו קאנסט עס דאך נישט וויסען...

— .2 —

אין פערלויף פון די לעצטע טעג פונ׳ם פער־ברענגען אין דער שווייץ האט זיך סטווערינא דער־פיהלט עפיס נישט מיט אלעמען. זי האט אויך בע־קומען הויכע טעמפעראטור.

תיכף נאכ׳ן אנקומען קיין פאריז האט א לונגען־ענטצינדונג זי איינגעלייגט אין בעט.

די קראנקהייט האט געהאט א זעהר שווערען פערלויף: א גאנצע וואך צייט האט די יונגע פרוי געפלאנטערט צווישען לעבען און טויט.

ווען זי איז צוריקגעקומען צום בעוואוסטזיין, האט זי דערפיהלט, אז ביי איהר צוקאפענס זיצט די מוטער איהרע, און זי האט דערהערט עמ־צענס שריט, וואס האבען אויף איהר הייליגענדיג געווירקט כאטש זי האט נישט דערקענט וועמענס שריט דאס זענען. דערנאך איז זי ווידער איינגעזונקען געוואר־רען אין דעם שווערען פיבערדיגען היבערפלעט, און איז געווארען עהנליך צו דעם געוויקס וועלכענס ווייטערדיגע עקזיסטענץ און וואוקס עס איז אונטער א סכנה.

און איינמאל איז אַן־איבערראשונג, ווען זי האט זיך אויפגעכאפט, איז זי אַרויס פון דעם דאזיגען צושטאנד, זי האט דערפיהלט אין רוקען א שארפען ווייטאג, אבער איהר האט זיך שוין לייכטער גע־אטעמט.

לעם איהר בעט איז געזעסען עמיצער.

זי האט א טראכט געטון אז דאס איז פיער.

דער דאזיגער באמען איז אויפגעשוואוממען אין איהר זכרון גאנץ מאשינאל, אבער דאס האט דער־וועקט אין איהר דאס בעוואוסטזיין, אז זי איז א בע־ראטעוועטע.

דיין הענט האט צארט בעריהרט איהר שטערן. סטווערינא האט אפגעקעהרט דעם קאפ אין א זייט.

פיער האט געמיינט אז דאס האט זי עס אזוי געמאכט אומגערן אבער אין דער אמת׳ן האט זיך סטווערינא געוואלט אפווענדען פון דער בעריהרונג. זי האט זיך דערפיהלט אזוי געוואהנט און שמארק, אז זי האט בעקומען חשק אויסצומיידען דאס אלץ, וואס עס איז נישט געווען א טייל פון איהר איך.

ביסלעכווייז נאר און פאמעליכערהייד האט זי געקענט פטור ווערען פון דעם געפיהל און פון דעם פערלאנג אוועקצוגיין אין איהר אייגענעם איך.

שפעטערווייז האט זי בעטראכט איהרע אויסגע־דארטע הענד, דורך דער ווייסער הויט פון וועלכע עס האבען ארויסגעלויכטען די בלויע אדערלעך.

אז פיער האט אנגעהויבען צו רעדען צו איהר האט זי נישט געענטפערט.

ס׳ארא בעדייטונג האט געהאט איהר ליבשאפט צו דעם מאן איהרען און פערגלייך מיט דער ליבע, וואס עס האט זיך אין איהר אויפגעוועקט צו איהר אייגענעם קערפער? די דאזיגע ליבשאפט האט זי איינגעאנצען פול געמאכט — זי איז פאר איהרס׳וועגען געווען דאס סאמע ווערטפולסטע. דאס וויכטיגסטע.

סטווערינאַן האט זיך אפילו אויסגעוויזען אז זי הערט, אז זי כאפט אויף דאס פליסען פון איהרע בלוטען אין די אדערען.

זי האט געפיהלט בולט דעם צופלוס פון כוחות זי האט געפיהלט ווי זי ווערט שטארקער יעדען טאג אויפ׳ן וועג צום געזונד־ווערען.

פון צייט צו צייט פלעגט איהר פנים אננעהמען א געהיימניספולען אויסדרוק — איהר פלעגט זיך אויסווייזען אז זי זעהט עפעס אומקלארע און מערקווירדיגע זעהעניישען. און אויב אין אזעלכע מא־מענטען פלעגט פיער פרובען פערפיהרען מיט איהר א געשפרעך, פלעגט זי ווענדען אויף איהם איהר בליק וואס איז געווען איבערפולט מיט אומגעדול־דיגקייט, פערדראָסנקייט און צוטומלעניש.

אז זי פלעגט נאר בעמערקען אין א בעווע־גונג פון איהר מאן דעם שפור פון בעגעהרען זי — האט זיך גלייך אין איהר אויפגעהויבען א כמאַ־ליע פון עמפערונג און מידקייט.

אין די דאזיגע מאמענטען האט זיך פיער עגט ציקט נ׳ט די צארטע געזיכטס־צוגען איהרע. די קראנקהייט האט זיי עטוואס פערשארפט און סטווע־רינג האט אויסגעזעהען נאך יונגער, ווי געוועהנ־ליך.

זי איז ווידער געווארען די פערקערפערונג פון מיידעלשער יונגקייט און בעשיידענקייט.

(פארטזעצונג קומט).

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

פרייטאג 19 כג אייר תרצ"ג
מאי
זון-אויפגאנג 3.37
זון-אונטערגאנג 7.28
ליכט-צינדען: 7.11

פאבאר פון יאהרגאנג 912

היינט, פרייטאג, דעם 19 ד. ח. דארפען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (אל. קאשטשושקי 21) די פאבאראווצעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קא-מיסאריאט מיט די אותיות:

T U Z Ź Ż

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2 (אגרא-דאווא 34) דארפען זיך שטעלען די פאבאראוו-צעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 6 פאליציי-קאמיסאריאט

אלע אותיות.

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 3 (פיעט-ריקאווער 165) די פאבאראווצעס פון יאהרגאנג 1910 און 1911, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פאליציי-קאמיסאריאטען

אלע אותיות.

מארגען, שבת, דעם 20-טען ד. ח. דאר-פען זיך שטעלען פאר דער קאמיסיע נומער 1 (אל. קאשטשושקי 21) די פאבאראווצעס פון יאהר-גאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3-טען קאמיסאריאט מיט די אותיות:

W

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 2 (אגרא-דאווא 34) די פאבאראווצעס פון יאהרגאנג 1912, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7 פאליציי-קאמיסא-ריאט מיט די פאמיליען-נאמען אויף די אותיות:

A B C

פאר דער פאבאר-קאמיסיע נומער 3 (פיעט-ריקאווער 165) די פאבאראווצעס פון די יאהרגענג פון 1883 ביז 1909, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 קאמיסאריאטען

אלע אותיות.

דער „גזלן"

איז די שענסטע אויפפיהרונג אין

„פילהארמאניע"

יעדע סצענע איז אנ'אוצר, יעדעס לידעל א שלאגער

יעדעס ווארט איז א דונער-געלעכטער.

בעשטעטיגונג פון לאדזער ביודזשעט

(א) דער לאדזער שטאט-ביודזשעט וועט אין סוף חודש מאי בעטראכט און בעשטעטיגט ווערען דורך דער לאדזער וואיעוואודזשטווע. לעת עתה פלעגט עס טון דאס אינערן-מיניסטעריום.

פאליטישער פראצעס

(2) דער 18-יעהריגער דוד זשיטא איז נעכ-טען, אלס בעשולדיגטער אין קאמוניסטישער טע-טיגקייט, געשטאנען פארן היגען קרייז-געריכט.

ער האט בעקומען אנ'אורטייל — 4 [illegible]

טויט-פאל ביי דער ארבייט

(2) אין קעניג'ס פאבריק (לודזקא 8) איז דער ארבייטער, באלעסלאוו סטאלארצק (לימאנאווסקיעגא 189) אונטערגעכאפט געווארען פון א טראנסמיסיע-רימען און א שליידער געטון געווארען צו דער ערד מיט אזא קראפט, אז ער איז געבליבען ליגען א טויטער אויפן ארט.

פון האנדעלס-געריכט

פירמע „משה גאטעסדינער" בעקומט א גלייט. — פאר קרעדיטארען פון פירמע „סעטאם" בעשטימט א צוגאב-טערמין אויף צוויי וואכען

דאס לאדזער געריכט האט בשעתו אפגע-זאגט דער פירמע „משה גאטעסדינער" צו געבען א גלייט, אויף דער דעציזיע האט די פירמע אפעלירט צום אפעלאציע-געריכט, אויף דער לעצ-טער זיצונג האט דאס אפעלאציע-געריכט מבטל געמאכט די דעציזיע פון לאדזער געריכט און דער פירמע געגעבען א גלייט.

אין צוזאמענהאנג דערמיט, וועט אין די נאהענטסטע טעג בעשטימט ווערען דער טערמין וועגן א רעגולאציע-אפמאך אדער בעשטימען א קרעדיטארען-פארבאנד.

* * *

לודוויק אויגוסטין, פארבערי-בעזיצער (ליסטאפאד 180/182) ווענדען דאס געריכט האט פערעפענטליכט אנ'אופדלאשטש, האט זיך גע-דארפט מעלדען איינמאל אין דער וואך אין דער פאליציי. היות ווי אויגוסטין האט זיך נישט גע-מאלדען אין דער פאליציי, האט דאס געריכט בעאויפטראגט דער פאליציי, צו אויב א. וועט נישט אפהיטען די פארארדנונג, וועט ער ארעס-טירט ווערען.

* * * *

אין שייכות מיט דעם אופדלאשטש פון דער פירמע „סעטאם" געז. מיט בעגר. אחריות, האט דאס געריכט בעשטימט אנ'צענטגילטיגען צוגאב-טערמין פון 2 וואכען כדי די קרעדיטארען צו געבען די מעגליכקייט אנצומעלדען די פרע-טענציעס צו דער פירמע.

וועגען עקזעקוציע-„אופאמניעניעס"

די געשמאקע געלט צעטעלעך, וואס זאגען קיין גוטס נישט אן

(2) נעכטען האט דאס פינאנץ-מיניסטעריום צוגעשיקט צו דער לאדזער פינאנץ-קאמער א ציר-קולאר, אין וועלכען עס ווערט געווענדעט די אויפ-מערקזאמקייט דערויף, וואס איינציגע פינאנץ-אמטען שיקען ארויס צו די צאהלער'ס דערמאהנונגען („אופאמניעניעס") צו בעצאהלען די שטייער-חובות גלייכצייטיג מיט די „נאקאזען", אדער דירעקט נאך זייער צושטעלונג.

אזוי ווי אזעלכע דערמאהנונגען דארפען צו-געשיקט ווערען ערשט דאן, ווען דער שטייער איז נישט בעצאהלט געווארען צום טערמין, וואס ווערט פארגעזעהען אינם „נאקאז", ד. ה. ווען עס קאן אנגעווענדעט ווערען אנ'עקזעקוציע — דעריבער בע-אויפטראגט דאס מיניסטעריום אפצוהיטען די פאר-געשריבענע טערמינען, בעמערקענדיג דערביי, אז אין בעצוג צו בעאמטע, וועלכע וועלען זיך נישט האלטען ביי דעם דאזיגען כלל וועלען געצויגען ווערען קאנסעקווענצען, און — אז פון פריהצייטיגע צוגעשטעלטע „אופאמניעניעס" דארף מען נישט קא-סירען קיין שום צוגאב-אפצאהלען.

א טויטער מענש אין וואלד

דער געהיימנישפולער פאל איז נאך נישט אויפגעקלעהרט געווארען

(2) אין דעם וואלד פונם גוט פלאווונא, ראדאמסקער קרייז, האט מען געפונען ליגען א טויטען קערפער פון א 30-יאהריגען מאנספערזאן.

קיין סימנים פון א געוואלד-טויט זענען אויפן קערפער נישטא, אבער דאך איז מען זיך משער, אז מען האט דא צו טון מיט א מארד.

פון א ליידיגען קאנווערט, וואס איז געלעגען אין זיין טאש, אדרעסירט אויפן נאמען פון פראנ-ציסשעק ראטשישעווסקי, קיין פעטריקאוו, סגלע-יאווסקי 34, איז מען דערגאנגען, אז דאס איז ער טאקי דער אדרעסאט.

מען איז זיך משער, אז מ'האט איהם אין דעם וואלד פארנארט, דער'הרג'עט און בערויבט. ובפרט — אז אין דעם דאזיגען וועלדעל אין פלאוונא האט מען שוין עטליכע מאל געפונען גע-היימנישפולע הרוגים, און קיינמאל איז זייער טויט נישט אויפגעקלעהרט געווארען.

עס ווערט נאכגעפיהרט אנ'ענערגישע אויס-פארשונג.

איבערגעשניטען די העלזער

פון זיין ווייבעל און פון זיך אליין

(2) באה א קריגעריי מיט זיין ווייב האט אנ-דזשעי אנטשאק (שקאלנא 18 אין כאיני) איבער-געשניטען דעם האלז ביי זיין ווייב, וואלענטינא אנטשאק און דערנאך געשאכטען זיך אליין.

שכנים האבען אויפגעריסען די טיר פון זייער וואוינונג און ארויסגערופען צו זיי פאגאטאוויע, וואס האט זיי אין א געפעהרליכען צושטאנד אפגע-פיהרט אין שפיטאל אויף זאגאיניקאווא.

די סיבה איז נאך נישט פעסטגעשטעלט גע-ווארען.

מען איז זיך אבער משער, אז מ'האט דא צו טון מיט א פאל פון אייפערזוכט.

דערהרג'עט געווארען איוד. פוהרמאן

(א) אויף ראג קילינסקיעגא און נארוטאוויטשא האט נעכטען פאסירט אנ'אומגליק מיט דעם פוהר-מאן הי"ד אדלער (פון דרעווונאווסקא 23).

דיד אדלער איז געזעסען פון היבטען דער רע-סארקע, וואס איז געווען אנגעלאדענט מיט סחורה און מיט די פערד האט אנגעטריבען הער זוהן זיינער, משה אדלער.

אויף דעם אנגעווירענעם ראג איז די רעסארקע ארויפגעפאהרען אויף א שטיין — די רעסארקע האט זיך א שטארקען טרייסעל געטון, און ד"ד איז ארונטער־געפאלען אונטער די רעדער.

אין שפיטאל האט מען איהם צוגענומען מיט א צובראכענעם שארבען און צובראכענע ריפען.

דארט איז ער נישט קומענדיג צו זיך, גע-שטארבען.

היינט הויבט זיך אן די גרויסע זאמעל-אקציע לטובת די דייטשע יודען

קיין שום יוד טאר נישט פעהלען אויף דער רשימה פון די מנדבים

1-טע רשימה פון די מנדבים

היינט הויבט זיך אן אין גאנצען לאנד די גרויסע זאמעל-אקציע, וואס די הויפט-לייטונג פון פאראייניגטען קאמיטעט צו בעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד האט פראקלאמירט. פון היינט אן דארפען אלע פאראייניגטע קאמי-טעטען אין דער פראווינץ צוטרעטען צו אנ'ענער-גישער זאמלונגס און פראפאגאנדע ארבייט לטובת דער גרויסער אקציע.

אין הסכם מיט'ן בעשלוס פון גראנדיעזען צוזאמענפאהר פון דעם פוילישען יודענטום טראגט די זאמעל-אקציע א פאלקס-כאראקטער און עס דארפען זיך אין איהר בעטייליגען די ברייטסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. יעדע-רער לויט זיינע מעגליכקייטען מוזען געבען זיין ביישטייער לטובת די פערפאלגטע ברידער אין דייטשלאנד. מיר וועלען כסדר פערעפענטליכען גענויע רשימה פון די מנדבים. די געזאמעלטע געלדער ווי אויך איינצעלנע נדבות דארפען איינ-געצאהלט ווערען אין באנק-הויז: ד. מ. שערע-שאווסקי פ. ק. א. 627 (פאר'ן פאראייניגטען קא-מיטעט) דאגעגען די גענויע רשימות פון די מנדבים דארפען איבערגעשיקט ווערען אין הויפט-סעקרעטאריאט פון פאראייניגטען קאמיטעט, ווארשא ארלא 6/4.

מיר ברענגען היינט די ערשטע רשימה פון די נדבות, וואס זענען איינגעפלאסען לטובת די פערפאלגטע דייטשע יודען:

פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה אין ווארשא 5.000 גילדען, פערוואלטונג פון דער קהלה אין לעמבערג 2.000 גילדען, פערוואלטונג פון דער קהלה אין לאדז, פערוואלטונג פון דער קהלה אין קאטאוויץ צו 1.500 ג., א. מאזור, שמעון שענברון און דיר. ז. צו 1.000 ג., פרוי דיאנא אייגער, רעדאקציע „היינט", רעד. „מא-מענט" רעד. „נאש פושעגלאנד", רעד. „יודיש טאגבלאט", און רעד. „אונזער עקספרעס" צו 500, ריכטער מאקסימיליאן פרידע, דעפ. וואצלאוו וויש-ליצקי, דירעקטאר סאמועל שערער און פירמע קאלקשטיין צו 300, אדוואקאט גליקסמאן (טשענס-טאכאוו) 250, ארגאלר שפינאק, 200, געזאמעלט דורך מ. רושין (ראגאזשנא) 130, געזאמעלט דורך מ. ראזענטאל (ראדזשיעאוב) 106.70, פירמא „שטאנדארד", און ריכטער ט. ראזענבערג צו 100, וו. זעקעס (יגאווראצלאוו) 73, מיכאל גראדזיעג-סקי און א. גאלדמאן צו 50, וו. זעקעס (יגאווראצ-לאוו) צום צווייטען מאל 43.

אסך פערגעניגען

פאר קליין געלד, וועט איהר האבען
היינט און מארגען אין „פילהארמאניע"
ווען איהר וועט קומען זעהען דעם

„גזלן"

אפטייקען

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען: א. פאטאש (פלאץ קאשטשעלני 10) א כארעמזא (פאמארסקא 12), ע. מילער (פיעטריקאווער 46), מ. עפשטיין (פעטריקאווער 225) ז. גארטשיצקי (פשעיאזד 59), פ. אנטאניעוויטש (פאביאניצער 50).

אמטליכעס

(2) דער לייטער פון דער 1 בריגאדע ביים אויספארשונגס-אמט, קאמיסאר שטאבהאלץ, האט נעכטען אנגעהויבען זיין 5-וואכעדיגען אפרוה-אור-לויב.

עס פארטרעט איהם אויף זיין אמט דער על טערער פשאדאווניק, קאלאפושעיסקי.

דעפ. מינצבערג ארויסגעפאהרען אויפ'ן ווירטשאפטליכען צוזאמענפאהר פון „בעבע"

ווי בעקאנט האט זיך אין ווארשא אנגע-הויבען דער ווירטשאפטליכער צוזאמענפאהר וואס איז ארגאניזירט געווארען, דורכ'ן רעגירונגס-קלוב ביים סיים, אויף דעם דאזיגען צוזאמענפאהר איז פון לאדז ארויסגעפאהרען אויך דעפ. מינצבערג. וועלכער איז ספעציעל איינגעלאדען געווארען.

יודען געדענקט!

היטלערישע באנדעס פייניגען
אייערע ברידער אין דייטשלאנד!
אייער געווער געגען זיי איז באיקאט אויף
סחורות פון דייטשלאנד!

Casino
קלאנג-קינא-טעאטער

אנהייב טעגליך 4.15 נ"מ, שבת און זונטאג 12 — ביי טאג.

פילם פון פאסצינירענדען אינהאלט.
גרויסע שרפה איז צירק !!!

פאר יוגענד א גאנצען אוונט. 1.09 זל., גרופענווייז צו 80 גר.

זוהן פון דער דזשונגלי

סופערפילם פון דער גאלדענער סעריע "Paramount"
אין דעם פילם טרעט צום ערשטען מאל אויף דער אלימפישער קינסטלער
ווי אויך די רייצענדע

Buster Crabbe Frances Dee

BEZ PASZPORTÓW ZAGRANICZNYCH I WIZ
LETNIE WYCIECZKI
MORSKIE
do Anglji, Szkocji, Irlandji, Francji, Belgji, Holandji, Danji, Norwegji i Szwecji
w lipcu i sierpniu 1933 roku.
CENY BILETÓW OD 100 ZŁ.
Informacje i sprzedaż biletów w biurach
LINJI GDYNIA-AMERYKA
w Warszawie-Marszałkowska 116
w Gdyni - ul. Waszyngtona
we Lwowie - ul. Na Błonie 2
w Krakowie - ul. Lubicz 3
w Rzeszowie - ul. Grottgera 1004
oraz w biurach podróży.
PRACUJESZ NA LĄDZIE -
ODPOCZYWAJ NA MORZU

ביליגער אויספלוג קיין ווארשא

צוליב דעם, וואס די אויספלוגען קיין ווארשא מיט'ן „גרינעם עקספרעס" דענען צייטווייליג אפגעשטעלט געווארען, איז אגאניזירט וואגאן-לי-קיק א ביליגען אויספלוג קיין ווארשא פאר 9,60 אהין און צוריק, דעם קומענדיגען זונטאג דעם 21. מאי.

פון לאדז וועט דער צוג אפגעהען זונטאג 7.28 פריה פון קאלישער באהן-סטאציע.

פון ווארשא וועט דער צוג צוריקגעהען זונטאג 11 א זייגער אין אווענד.

בילעטען צו בעקומען אין ביורא פון וואגאן-לי, פעטריקאווער 64.

מעלדען און אויסמעלדען זיך צו דער צייט

(א) אין שייכות מיט'ן אנהויב פון ארויס-פאהר-סעזאן, מאכט דאס עווידענץ-ביורא ביים לאדזער מאגיסטראט אויפמערקזאם די פערזאנען, אויף וועלכע עס איז חל דאס מיליטער-פליכט, אז זיי זאלען נישט פערנאכלעסיגען זייער איינמעלדען און אויסמעלדען זיך.

די „וואך פאר'ן קינד"
פעסטגעשטעלט דעם פראגראם

אויף דער נעכטיגער זיצונג פון ארגאניזיר-קאמיטעט „די וואך פאר'ן קינד" איז אויסגעארבייט געווארען דער פראגראם. ס'ועלען פאראויסגעזעהען פערשידענע גארטען-פערוויילונגען, קינדער-דעפילאדעס, טעאטער-פארשטעלונגען א. ד. גל.

די אקציע איז בעשטימט פאר אלע קינדער אהן אונטערשיד פון נאציאנאלער אנגעהעריגקייט.

דער „גזלן"
אין „פילהארמאניע"

פערטרייבט די מרה-שחורה און מ'פערגעסט אין קריזיס, מ'טאנצט, מ'זינגט און מ'אונטערהאלט זיך.

אויפמערקזאם ארימע, וועלכע ווילען זיך קורירען אין טשעכאטשינעק

כדי צו אינפארמירען די ארימע קראנקע וואס פאהרען היי-יאהר זיך קורירען קיין טשעכאטשינעק, ווערט מיטגעטיילט דער אינהאלט פון דער אינסטרוקציע וואס איז ארויסגעגעבען געווארען דורכן מיניסטעריום פאר געזעלשאפטליכען שוץ פון 11 אפריל 1933.

„ארימע קענען בעקומען 50 פראצענט הנחה אויפן יסוד פון א ביטע וואס איז אונטערשטיצט דורך א דאקטאר און א פאליטישער גמינע".

פון דער דאזיגער פעראָרדנונג דרינגט ארויס, אז היי-יאהר וועלען די הנחות מצד דער מלוכה און קור-פערוואלטונג פאר ארימע זיין שטארק בעגרעניצט, דעריבער ווערט געבעטען אז די רבנים זאלען נישט אויסשטעלען קיין ארימקייטס-צייגנישען, ווייל צו דעם זענען בערופען נאר די פאליטישע גמינעס (מאגיסטראט, וואיטען און דארפס-גמינעס)

ט'ווערט ווייטער געבעטען, אז די וואוילטעטיגקייטס-אינסטיטוציעס זאל קומען מיט מאטער יעלער הילף די ארימע וואס פאהרען אויף קור רעציע און אז די ארימע זאלען פאהרען אויף קור רעציע קיין טשעכאטשינעק נאר אין ערשטען און דריטען סעזאן, ווען די פרייזען זענען בכלל קלענער.

וויצע-פרעזעס פון הילפס-קאמיטעט פאר ארימע, וואס קומען אויף קור קיין טשעכאטשינעק
ד"ר וו. לאססי

דאס ערצטליכע קאלעגיום
פון דער נאכט-פאגאטאוויע ביי דער געז.
„לינת הצדק"
מאכט בעקאנט, אז פון 1. מאי ד. י. פיהרען אויס די נאכט-דיזשורען פון דער פאגאטאוויע
נישט דאקטוירים, נור פעלדשערס
און צוליב דעם טראגט דאס קאלעגיום נישט קיין שום פעראנטווארטליכקייט פאר די ערטיילטע הילף.
2656

מאגיסטראט אונטערשטיצונג
פאר די באלוטער יודען, וואס האבען געליטען דעם 17, 18 און 19 אפריל

(א) אויף דער נעכטיגער זיצונג פון מאגיסטראט, אונטערן פארזיץ פונ'ם שטאט-פרעזידענט זשעמיענצקי, איז אנגענומען געווארען א רייה בעשלוסען, און צ. א. איז בעשלאסען געווארען צו אסיגנירען 3,000 זלאטעס צו דער דיספאזיציע פון דער אפטיילונג פאר געזעלשאפטליכער שוץ, אויף הילף פאר די באלוטער יודען, וואס האבען געליטען בעת די געשלעגען אין דעם 17, 18 און 19 פ. ח.

פון א קאזאק... אבי צום לעבען

(א) דער באלעבאס פונם גאלאנטעריע-געוועלבעל אויף אגראדאווא 5 איז עס לעצטענס געגאנגען נישט פויגעלדיג – איז ער געפאלען אויפן שכל : „די מענטשהיים" האט ליב פארנאגראפיע, זנות, פאסקודסטווע – וועט ער איהר געבען דאס וואס זי וויל. און ער האט אנגעהויבען צו האנדלען מיט אזעלכע שפיגעלעך, וואס אויף דער צווייטער זייט זייערער זענען געווען אפפאטאגראפירט מיאוס'ע זנות.בילדלעך...

ס'געשעפט וואלט געווען א גאר נישקשה'דיג געשעפט, (אויף היטלער'ן, געזאגט נישט קיין בעסערע געשעפטען. ערגערע מעג יא זיין !..) ווען מ'דערוויסט זיך נישט דערוועגען, און מ'שלעפט איהם נישט נעכטען צום געריכט.

הכלל וואס-וואס, נאר א חודש וועט ער שוין מוזען זיצען און 100 זלאטעס בעצאהלען.

מארגען די פייערונג פון 15-יעריגען יובילייע פון דער בארא-כאוו-שול

די פייערונג, וועלכע וועט פארקומען מארגען שבת האלב 11 פארמיטאג אין „סקאלא"-טעאטער, האט ארויסגערופען א פעראינטערעסירונג צווישען די ברייטע קרייזען פון דער יודישער ארבייטערשאפט און אנהענגער פון יודיש-וועלטליכען שול-וועזען.

אין אפיציעלען טייל וועט א הוץ די בעגריסונגען פון די פערשידענע אינסטיטוציעס, אויך פארקומען די פייערליכע ענטהילונג פון דער באראכאוו-סטאטוע וועלכע ס'האט אויסגעפערטיגט דער היגער סקולפטאר כיימאוויטש. די סטאטוע מאכט דער קינסטלער בחינם לויט דער ווענדונג פון די שול-קינדער, וועלכע טראגען צו די באראכאוו-סטאטוע דער שול אלס מתנה צו איהר יובל.

זעהר רייך איז צוגעגרייט די קינדער-פארשטעלונג. דער שול-כאר אונטער דער לייטונג פון קאמפאזיטער הערץ רובין, וועט אויפטרעטען מיט א גאנצע רייה בייע לידער פון איציק פעפער, קאווגער באקסט א. א. אין דער מוזיקאלישער אינטערפרעטאציע פון די בעקאנטע קאמפאזיטארן מילנער און געלבארד.

ס'וועט אויך אויפגעפיהרט ווערען א „סצעניש-בילד" אין 2 אקטען „דאס ליד פון ארבייט", וועלכע ס'האט אנגעשריבען ספעציעל פאר'ן יובילעאום פון דער שול דער שריפטשטעלער ל. מאלאך.

אין דער דאזיגער פארשטעלונג ווערען אויסגעפיהרט א גאנצע רייה עפעקטפולע פלאסטישע טענץ, וועלכע שטעלען פאר דעם ריטם פון מאסען-ארבייט.

די דאזיגע טענץ וואס זענען אראנזשירט פון דער בעגאבטער טאנץ-לעהרערין זינע קרוש שטעלען פאר אן אפאטעאז פון ארבייט אין א רייכער מוזיקאלישער אילוסטראציע. ס'וועט נאך אויסגעפיהרט ווערען א פוילישע קינדער-אפערע מיט באלעט און גימנאסטישע איבונגען אונטער דער לייטונג פון אינסטרוקטאר י. בערלינסקי.

די 4 יעהריגע קינדער פון שורעקס קינדער-היים וועלען אויפטרעטען מיט אן אייגענעם „קלאפ-ארקעסטער" און אויספיהרען א ריטמיש בילדל „שמענדריקל" פאראצעלעך.

לעצטע טעג פאר'ן אויספלוג קיין קאפענהאגען
איינשרייבונגען אין וואגאן לי

דער אויספלוג קיין קאפענהאגען מיט דער ליניע גדיניע—אמעריקע, וועלכער ווערט ארגאניזירט אויף שבועות, האט ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעזירונג אין די היגע ברייטע געזעלשאפטליכע קרייזען.

דער אויספלוג ריהרט פון גדיניע קיין קאפענהאגען ד. 4-טען יוני ד. י. 1 נאכמ. צומארגענס אין דער פריה וועט זי אנקומען קיין קאפענהאגען, וואו די אנטיילנעהמער וועלען האבען גאנצע צווי טעג אויף צו בעקענען זיך מיט דער דענישער הויפט שטאט.

דער פרייז 130 זל. צוזאמען מיט רייזע-קאסטען אהן שום צוגאב-קאסטען מיט פולער בעקעסטיגונג אויף דער גאנצער צייט פון אויספלוג. אלע פאסאזשירען בעקומען א גלייכען מענו.

דער אפפאהר קיין גדיניע קומט פאר שבת, ד. 3-טען יוני אווענד מיט א ספעציעלען צוג פון קאלישען באהן-הויף.

פערשרייבען קען מען זיך אין וואגאן לי (פעטריק. 64) פון 9 פריה ביז 9 אוו.

דאס איז אוודאי נישט זיין ציל צו פאהרען פון ווארשא—איבערפאהרן פרויען אין לאדז...

(2) דער ווארשאווער איינוואוינער אלעקסי פלאקאוו מאכט איצט א רייזע איבער פוילען אויף א ראווער. פערביפאהרענדיג לאדז איז ער, ביים לביצי איבערגעפאהרען נעכטען אויף ראג פעטריקאווער און ציגעל-גאס א געוויסע פלארענטינא

גוביעל. פאגאטאוויע האט זי אפגעפיהרט אין ראדאגאשטער שפיטאל, און פלאקאוו'ן האט מען צוגעשטעלט א פראטאקאל.

ברוך צוקערמאן אין לאדז

צום מיטינג פון די רעכטע „פועלי ציון", וואס קומט פאר קומענדיגען מיטוואך, קומט צופאהרען דער בעקאנטער ארבייטער-טוער ברוך צוקערמאן.

רעפעראט פון א בעקאנטען ווינער הערצל פארשער אין לאדזער „וויזא"

מיר ווילען אויפמערקזאם מאכען דעם לאדזער יודישען, בעזונדערס דעם ציוניסטישען עולם אויף דעם אינטערעסאנטען רעפעראט פון ד"ר נוסענבלאט, וואס קומט פאר זונטאג דעם 21. מאי אין „וויזא", שענקעוויטשא 26. אין דעם דאזיגען רעפעראט, וועט ד"ר נוסענבלאט, וועלכער איז א בעקאנטער הערצל-פארשער און אויטאר פון דעם ווערק „הערצל לויט דעם אורטייל פון זייבע צייטגענאסען", בעווייזען, אז הערצל האט פאראויסגעזעהען דעם גאנג פון דער ענטוויקלונג אין דייטשלאנד און דעם היינטיגען בלוטיגען אנטיסעמיטיזם פון היטלערס באנדע.

ד"ר נוסענבלאט בעזיצט ב"יף און אויפצייכנונגען פון הערצלס האנד, וועלכע זענען צום גרעסטען טייל נאך נישט בעקאנט דער עפענטליכקייט, זייט יאהרען פארעהמט זיך ד"ר נוסענבלאט, וועלכער וואוינט אין ווין מיט נישטער'ען אין אלע ווינקעלעך פון יענע הייזער וואו הערצל האט אמאל געוואוינט, כדי צו ענטדעקען אזעלכע הערצל דאקומענטען, וואס זענען נאך נישט בעקאנט.

GRAND-KINO
היינט צום לעצטען מאל!
פילם רעאליזירט פון קעניג פון די רעזשיסערען
Turzeński א.נ.
האטעל פון סטודענטן
גרויסע ליבעס-דראמע פון לעבען פון דער פאריזער סטודענטעריע. די אקציע שפילט זיך אב אין סטודענטישען קווארטאל אין פאריז.
אין די הויפט-ראל: Lisette Lanoir
Raymond Galle, Christian Casadesus.
אויסער'ן פראגראם: פוילישע עקספעדיציע נאך אפריקע, אלושיר, ביסקרא און קאנטארא.
אנהויב 4.30 נאכמ. שבת און זונטאג 12 בטאג

ארטאפעדישער אנשטאלט
פראטעזען, גארסעטען, א ר-טאפעדישע אפאראטען אלער ארט, לייכטע פלאטפוס-איינלאגען נאכ'ן פיס-שמערצען אלס נאך גיפס-אבדרוק.
Dr. med. Lubicz u. Villy Simonović
פעטריקאווער 119, טעל. 231-81

צו אלע
טעאטער-בעזוכער!
לערנט אויס אויף אויסווייניג
דעם טעקסט פון ליד
א מאמעס הארץ
און קומט מאסענווייז הערען אין טעאטער „סקאלא" ווי מייסטערהאפט
לוסי גערמאן
זינגט דאס ליד.
אט איז דער טעקסט:
דערצעהלט מען א מעשה, א אלטינקע מעשה
וואס בלייבט שטענדיג ניי
געלעבט האט א מאמע, א עלענדע מאמע
מיט קינדערלעך דריי.
אוועק איז דער שפייזער, דער פאטער דער שפייזער
געבליבען איהם טריי,
דערצויגען די קינדער, די ציטערינקע קינדער
ווי שוועלבעלעך דריי.
פארפלויגען די יאהרען, די שווערינקע יאהרען
אין א שטיבעל א קליינס,
געבליבען דער מאמען, דער עלענדער מאמען
פון זיי בלויז נאר איינס.
רעפריין —
א מאמעס הארץ, א מאמעס הארץ
פון הימעל בלויע פעדעמלאך איז דאס געוועבט,
א מאמעס הארץ, א מאמעס הארץ
פון מלאכים פליגעלעך איז דאס געקלעבט.
ווען א קינד טוט א שנית זיך חלילה,
שניידט דאס דער מאמעס הארץ.
ווען מען שניידט איהר דאס הארץ אויס אפילו,
שווייגט אלץ די מאמעס הארץ.
זי מורמעלט שטיל אין גרעסטען פיין:
קינד, מיר זאל פאר דיר נאר זיין.

רינגקאמפען-טורנע אין לאדז
מארגען, שבת, ערעפענט אין ספארט-צירק

מארגען, שבת הויבט זיך אן אין ספארט-צירק, וועלכער האט אויפגעשטעלט זיינע געצעלטען אויף נארוטאוויטשא 61 (נעבען פל. דאמבראווסקי) דער גרויסער אינטערנאציאנאלער אטלעטען-קאמף-טורנע צו וועלכען ס'האבען זיך געמאלדען וועלט-בעריהמטע רינגקעמפער.

צווישען אנדערע איז קיין לאדז געקומען דער יונגער לאדזער רינגקעמפער, געוועזענער טרענער פון לאדזער „בר-כוכבא", מענדעל קרויזער, וועלכער האט מיט עטליכע וואכען צוריק בעקומען די מייסטערשאפט פון די באלטישע לענדער.

אין טורנע בעטייליגען זיך : דער מחבל גראבאווסקי (2 מעטער מיט 22 צענטים. הויך), וועלט-מייסטער גאריקאוויטשקא (אוקראינע). קאוואן (זיעגן טשאיא (אונגארן), קוואריאני (גרוזין), סטודענט פון קיעוו פילעוויטש, בירדוס (דייטשלאנד).

מארגען, שבת, 8.30 אוו. קעמפען פאלגענדע פאר :

קרויזער—קארלעסקי. קאיוואן—איבא, שטשערבינסקי—בירדוס. פילעוויטש—ווילאנד.

די רינג-קאמפען האבען ארויסגערופען א גרויסע פעראינטערעסירונג.

פליה-קאנקורס אין לאדז

אין צוזאמענהאנג מיט'ן פערענדיגען דעם 10-יעהריגען יובילייע פון ל. א. פ. פ. וועט דעם קומענדיגען זונטאג, ד. 21. ד. ח. 3.30 נאכמ. פארקומען אויפ'ן ספארט-פלאץ פון „העלענאוו" — א פליה קאנקורס, וועלכער ענטשפרעכט צו זיין זעהר אינטערעסאנט.

צום נייעם שול-יאהר

מיר דערוויסען זיך פון דער בעוואוסטער 7-קלאסיגער שולע און פרעבעלשול פון קאצענעלזאן-באחומאין דאס פאלגענדע. דער שכר למוד ווערט פערקלענערט. דער לאקאל פון דער שולע ווערט פערגרעסערט מיט א גאנצען שטאק, לויט'ן נייעם שול-געזעץ פאר אלע גימנאזיעס, ווערען די שילער נאך 6 אדזשיאלען גלייך אריבערגעהען אין דעם רעאלגאנז זייער גימנאזיום, די שילער וואס ענדיגען 7 אדזשיאלען קענען אריינטרעטען אין א האנדעלס ארער פאך-שול. אויסער דעם אלגעמיינעם פראגראם, קומען די למודי קודש און העבראיש געשטעלט אויף דער גרעסטער הויך און בערידיגען די אמייסטען רעליגיעזע עלטערן, וועלכע זוכען צו פעראייניגען די טראדיציאנעל יודישע מיט זייער וועלטליכער דערציהונג. ס'ווערען שוין אנגענומען שילער ביז 14 יאהר אין אלע קלאסען און קינדער פון 3 יאהר אן אין דער פרעבעלשולע. איינשרייבונגען אין דער שול-קאנצעלאריע, פאמארסקא 20, טעלעפאן 17701 טעגליך ביז 2 נאכמ.

פאלק=שולען — און — שול פאר האנדעל „בית=יעקב" לאדז, שרודמיעסקא 32, טעל. 170-28

„בית=יעקב"=שולען!

לאדזשער יודען! גיט אייערע טעכטער א יודישע דערציהונג, שיקט זיי נאר אין די

בעמ.: אונזער שול בעפרייט פון שול-צוואנג.

— פרייזען מעסיגע! —

איינשרייבונגען אויפ'ן נייעם שול-יאהר 1933/34 קומען שוין פאר אין דער שול-קאנצעלאריע (שרודמיעסקא 32, ערשטער שטאק, אין הויף) טעגליך פון 10 ביז 2 נ"מ און פון 5 ביז 8 אווענד. די ליישונג.

היינטיגע ערעפנונג פון זומער-סעזאן

אין יודישען טעאטער אין פילהארמאניע

פרעמיערע פון שמחה נאטאנ'ס אויפפיהרונג „דער גזלן"

היינט ווערט אין פילהארמאניע געעפענט דער זומער-סעזאן פון יודישען טעאטער אונטער דער דירעקציע פון ד"ר צעלמייסטער.

דער סעזאן ווערט געעפענט מיט א סענסאציאנעלע מוזיקאלישע קאמעדיע „דער גזלן" פון קאל-מאנאוויטש.

אין דער נייער טרופע מיט וועלכע עס ווערט געעפענט דער זומער-סעזאן, געפינט זיך דער בע-ריהמטער ארטיסט שמחה נאטאן, די בעליבטע ארטיס-טין בערטא זאסלאווסקא און לעאן געטליכערמאן, פרוי נאטאן און אנדערע.

שמחה נאטאן האט לעצטענס געפייערט זיין 25 יעהריגען יובל נישט אין זיין היימשטאט לאדז, נאר אין ווילנא, דאס בעווייזט אז נאטאן האט שוין א פערגאנגענהייט פון 25 יאהר ארבייט אויף דער יודישער ביהנע.

מיר, דא אין לאדז האבען געהאט די געלעגענ-הייט בייצוואוינען נאטאנ'ס שטופענווייזע קינסטלע-רישע ענטוויקלונג אין יודישען טעאטער, מיר האבען געזעהען נאטאנען אין פרעכטיגע ארטיסטישע קרע-אציעס וואס האבען איהם געשאפען א גרויסען רוהם אין די קרייזען פון די טעאטער-מעלאמאנען.

זיינע מייסטערהאפטע קינסטלערישע לייסטונ-גען, וואס ער האט בעוויזען שפילענדיג אין לאדז אין דער ווילנער-טרופע, האבען איהם אוועקגעשטעלט אין דער ערשטער רייה צווישען די בעסטע יודישע אקטיארען. מיט זיין איצטיגען אויפטריט אין יודישען פילהארמאניע טעאטער, ציהט ער ווידער אמאל אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט, און מיר ווילען האפען אז אויך דאס מאל וועט ער זארגען דערפאר אז זיין פערדינטער רוהם זאל פערשטארקט ווערען מיט א נייער קינסטלערישער קרעאציע.

דער גראנדיעזער פייערליכער אקט פון די לערן אנשטאלטען „דרכי נעם"

א פייערונג קומט פאר דאנערשטאג ד. 25. מאי ה. י. אין פילהארמאניע זאל איינגעארדענט דורך די פאפולערע ארטאדאקסישע לערן-אנשטאל-טען „דרכי נועם".

שוין איניגע צעהנדליג יאהר, ווי דער „דרכי נועם" עקזיסטירט אין אונזער שטאט אונטער דער מוסטערהאפטער און גלענצענדער לייטונג פון ה' ג. א. ליסס. און האט זיך קונה שם געווען אין די ברייטע רעליגיעזע קרייזען נישט נאר אין אונזער שטאט נאר ווייט איבער די גרעניצען פון לאדז אלס בעריהמט אויפ'ן געביט פון תורה און וועלטליכער ערציהונג, פון די ווייטסטע פראווינצען לערנען תלמידים אין די לאדזער דרכי נעם, אין פערגאנגע-נעם יאהר איז אונטער'ן דרוק און מיטהילף פון א רייה ווארשאווער ארטאדאקסישע עלטערען אויך אין ווארשא געעפענט געווארען, לויט'ן מוסטער פון לאדז, דער „דרכי נעם", און במשך פון ערשטען יאהר זיך ערווארבען גרויסע פאפולאריטעט.

די פייערונג דעם קומענדיגען דאנערשטאג, קומט פאר אין צוזאמענהאנג מיט'ן צוטיילען צום צווייטען מאל היתר הוראה'ס די תלמידים פון דער מתיבתא גבוהה לתלמוד ולהוראה ביים „דרכי נעם". ס'איז כדאי אונטערצושטרייכען, אז די דאזיגע מוסמכים להוראה זענען פון גן ילדים אן ערצויגען און געלערנט געווארען אין „דרכי נעם" ביז'ן הייני-טיגען טאג.

צוזאמען מיט'ן פייערליכען אקט פון צוטיילען די היתר הוראה'ס קומט פאר אן עפענטליכער אק-טוס פון די תלמידים פון לאדזער און ווארשא-ווער „דרכי נעם"'ס אין דער פייערונג נעהמט אנ-טייל א גוט איינשטודירטער כאר אונטער דער ליי-טונג פון ה' י. סובינער.

די דאזיגע פייערונג אלס איינציגע אין איהר ארט, האט ווי פערשטענדליך ארויסגערופען א גרוי-סען אינטערעס אין אלע קרייזען.

מעלדונגען

יודישע געזעלשאפט פאר לאנד-קענטשאפט אין פוילען אפטיילונג אין לאדז, וואלטשאנסקא 35.

קאמוניקאט.

די יוד. געז. פאר לאנדקענטשאפט אין פוילען אפטיילונג אין לאדז (וואלטשאנסקא 35, טעל. 121-53) ארדענט איין פאלגענדע אויספלוגען:

1) שבת, דעם 20-טען ה. ח. נאך קאנסטאנ-טין פיארונאוו. צוזאמענטרעף אין ווארטע-זאל אין „זדראוויע" 9 אינדערפריה.

2) זונטאג, דעם 21-טען ה. ח. נאך כעלמי-אדאמאוועק. צוזאמענטרעף: באלוטער-מארק 8.30 אינדערפריה.

3) דינסטאג, דעם 23-טען ה. ח. אין דער ראדיא-סטאציע. צוזאמענטרעף: האלב 5 ביי עק וואלאווע און אינזשיניערסקא-גאס.

די קאלאניע אין קארוויע איז טעטיג פון 1-טען יוני ה. י.

אינפארמאציעס און איינשרייבונגען אין סעק-רעטאריאט פון דער געזעלשאפט וואלטשאנסקא 35 טעלעפאן 121-53 (יעדען טאג א חוץ שבת און זונטאג).

אכטונג שערער.

די שערער-סעקציע ביים טעקסטיל - פעראיין אפט. 7 „נייע" האט זיך איבערגעצויגען אין נייעם לאקאל זאוואדזקע 4 פראנט 2. שטאק. די קאנצע-לאריע איז טעטיג יעדען טאג פון 6—10 אווענד, זונטאג 10—1 און 4 ביז 10 אווענד. גלייכצייטיג ווערט געפיהרט א רעגיסטראציע פון ארבייטסלאזע.

2693 די ארג. קאמיסיע.

הסתדרות „קדימה" ע"י ברית-הציה"ר בלודז.

שבת דעם 20. מאי ד. י. 8.30 אווענד קומט פאר אין אייגענעם לאקאל זגערזשער 36 א רע-פעראט אד"ט: „דער מצב פון די יודען אין גלות" 2. טייל פון פריהערדיגען רעפעראט — רעפערירען וועט ח' רעד. ס. גאריקאוו. 2646

„עסיס" א נייעס פון ארץ-ישראל.

אין ארץ-ישראל אויפ'ן וועג פון תל-אביב, פתח-תקוה און רמת-גן איז ענטשטאנען א פאבריק א. נ. „עסיס" דאס איז קאנסערווירטער פאמעראנץ, וועלכער ענטהאלט אלע אייגענשאפטען וואס דער פאמעראנץ, צוליב דעם וואס דער ארץ-ישראל פא-מעראנץ בעווייזט זיך נאר איניגע חדשים אין יאהר און ווינטער איז „עסיס" זעהר וויכטיג וייל ער פערטריט אין די זומער חדשים שפושטענדיג דעם ארץ-ישראלדיגען פאמעראנץ. „עסיס" איז אויך אנערקענט פון די בעסטע דאקטוירים אלס זעהר ווירקזאם ערנעהרונגס-מיטעל פאר שוואכע און קינ-דער צו בעקומען אין „תוצרת ארץ-ישראל" שרוד-מיעסקא 3. 2646

ראדיא=פראגראם

פרייטאג דעם 19. מאי 1933

11.40 טאג-פרעסע, 11.50 קאמוניקאטען, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.05 טאג-פראגראם, 12.10 גראמאפאן, 1.20 קאמוניקאט, 3.10 עקספארט-קאמוניקאט, 3.15 ווירטשאפטס-קאמוניקאט, 3.25 לופט-פליהעריי 3.35 גראמאפאן, 4.25 פארלעזונגען, 5.00 קאנ-צערט, 6.00 לייכטע טאנץ-מוזיק, 7.00 פערש-דענעס 7.20 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער, 7.30 פעליעטאן, 7.45 ראדיא-פרעסע, רעפעראט, 8.15 סימפאנישער קאנצערט, פעליעטאן, 10.40 ספארט, 10.55 קאמוניקאטען, 11.00 טאנץ-מוזיק.

* * *

אויסלאנד

8, אסלא — סימפ. קאנצערט. 8.05 — לאנגע-בערג — אפערעטקע „ווען די ליבע דערוואכט". 8.15 — דאווענטרי — סימפ. קאנצערט, 8.20 — בוקארעשט — סימפ. קאנצערט. 8.40 — פאריז — אפערעטקע. 9 — מיילאנד — סימפ. קאנצערט, 9 — רוים — סימפ. קאנצערט.

שבת, דעם 20 מאי 1933

11.40 פרעסע-איבערזיכט, 11.50 קאמוניקאט, 11.57 צייט-סיגנאל, 12.10 גראמאפאן, 1.10 קא-מוניקאט, 1.15 שול-פאר-המארגען, 3.10 קאמוניקא-טען, 3.25 ידיעות, 4.00 גראמאפאן, 4.40 רעפע-ראט, 5.00 גראמאפאן, 5.40 אקטועלער רעפעראט, 6.00 גאטעסדינסט, 7.00 קאמוניקאט פון דער לאדזער האנדעלס-קאמער, 7.30 אוידיציע, 7.45 ראדיא-פרעסע, 8.00 קאנצערט, ספארט, פרעסע, 10.05 שאפען-קאנצערט, 10.40 פעליעטאן, 10.55 קאמוניקאטען, 11.00 טאנץ-מוזיק, 11.30 פערשידע-נע ידיעות.

אויסלאנד

7.30 -- בודאפעשט — אפערע. 8.45 — מיילאנד — אפערעטקע פון בלאנק. 8.45 — רוים— סימפ. קאנצערט.

ביי נערווען-רייצבארקייט. קאפ-שמערצען. שלאפלאזיגקייט

מאטקייט, נידערגעשלאגענקייט, מורא-געפיהל, — האט מען אין דעם נאטירליכען ביטערוואסער

Franciszka Józefa

א הויזמיטעל אין דער האנד, וואס היילט און שטארקט די היוכי-טען זעהר ערפאלגרייך, — עמפפעהלט פון דאקטויר ס.

רעצטע אויפפיהרונגען פון „מאמע און שוויגער"

אין „סקאלא"=טעאטער

היינט פרייטאג, מארגען שבת בייטאג און 9 אווענד ווערט געשפילט צום 28. 29. און 30. מאל די אויסגעצייכנעטע פיעסע „מאמע און שוויגער" מיט די קינסטלער לוטי און מישא גערמאן און די הויפטראלען.

רעפעראט פון בעקאנטען פוב-ליציסט רעד. בראון

סונטענדיגען זונטאג אין זשורנאליסטען-קלוב

זונטאג ד. 21. ד. ח. 12 פארמ. קומט פאר אין זשורנאליסטען-קלוב א רעפעראט פון בעקאנטען פובליציסט, ליטעראט און עסאיסט רעד. בראון א. ד. ט. „דער שעפערישער ווערט און טאט — עלעמענ-טען פון סלאווישער וועלט-אנשויאונג". דער רעפע-רענט האט ארויסגערופען א שטארקע פראאינטערע-סירונג.

בילעטען צום פרייז פון 1 זל. סטודירענדע יו-גענד 50 גר. צו בעקומען טעגליך פון 5 ביז 7 אוו. און אין טאג פון רעפעראט פון 11 ביז 12 אין דער קאנצעלאריע פון זשורנאליסטען-סינדיקאט (פעטריק. 1, טעלעפ. 18740).

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי – – – –	74.00
3 פראצענטיגע בוידאווליאנע –	38.50
4 " דאלארובקא –	50.00
7 " סטאביליזאציע (אמ.)	49.75
8 " ווארשאווער לאנד-בריף	40.25
8 " לאדזער " "	36.00
ענגלישע פונט – – –	30.30
דאלאר - אמיצ. 7.69, נישט אמיצ. –	7.72
גאלד-דאלאר – – –	9.26
גאלד-רובל – – – –	4.90
דייטשער מארק – – –	2.00

ציהונג פון דער מלוכה-לאטעריע

ערשטע קלאס — ערשטער טאג

50,000 zł. na Nr. 91931.

15.000 zł. na Nr. 14338.

2,0000 zł. na Nr. 14399.

po 1,000 zł. na N-ry 11337 77247.

po 500 zł. na N-ry 21128 26787 29514 33387 95900 131618 147219.

po 400 zł. na N-ry 31952 47755 52815 67928 84919 99876 124424 133236 137220 151014.

po 250 zł. na N-ry 216 854 31561 49094 49758 50971 56628 60308 64253 64578 65927 72020 73610 83891 132380 142217 144893.

po 150 zł. na N-ry 7990 17397 21063 27879 31114 33139 34917 36333 37062 39971 51994 53495 54117 63135 71471 80493 87146 89881 89971 92511 92780 94876 94957 9549 96618 96972 100633 102525 106003 106272 108802 110521 110552 112070 116303 119915 124355 129993 138128 140381 142292 148198.

Po 100 zł. na N-ry:

9 50 77 199 299 392 493 652 89 851 1362 484 525 629 36 82 841 97 2385 3106 389 543 668 4107 301 05 62 504 706 5546 643 701 62 985 6016 224 435 532 37 629 65 75 832 924 7054 63 108 22 35 59 227 60 67 355 515 867 935 8278 510 37 99 660 777 9143 237 426 571 622 723 47 85 883 904 10173 338 508 11447 540 607 33 84 12560 829 78 97 963 88 13032 55 104 365 473 97 98 703 59 14107 291 308 463 654 85 711 852 15237 358 860 16005 405 519 650 895 908 33 17027 62 186 489 549 18061 105 68 739 815 901 19117 319 545 609 66 899 982 20012 383 694 21167 218 307 558 717 53 811 70 941 76 22149 450 846 90 23044 50 290 94 305 449 70 754 88 900 72 24060 130 424 570 617 63 70 797 25038 192 233 333 69 521 619 761 871 2624 73 75 165 256 532 40 47 769 804 907 27444 521 689 712 28431 521 679 787 866 901 06 29115 439 599 675 768 69 830 30001 287 554 87 623 31070 99 174 229 428 [illegible] 529 96 627 762 63 815 32097 118 238 315 430 654 875 33006 199 273 318 50 466 91 565 614 87 34006 12 127 38 67 73 91 323 737 59 848 35142 70 246 395 415 84 512 76 891 916 29 36183 728 33 913 25 37170 94 299 605.

38049 316 29 421 81 710 867 39004 106 299 410 99 834 48 40109 217 54 57 365 512 651 719 911 16 54 41031 42 86 192 407 521 42219 41 62 63 400 90 671 893 43011 38 166 285 338 485 626 753 60 811 39 45 652 56 44112 64 325 86 513 42 634 87 757 73 947 72 45278 304 508 46022 250 479 614 943 47028 51 229 346 768 810 48 57 48005 161 85 569 96 686 49222 51 674 832 78 942 50099 133 243 425 560 652 759 51078 2223 44 331 415 722 91 97 892 52096 121 236 675 88 53090 196 230 92 400 621 70 54054 941 51 99 55055 359 882 909 56063 200 78 310 28 35 97 445 60 678 711 920 21 57062 777 114 16 53 289 341 705 838 58449 528 59056 220 499 558 85 96 945 60003 73 76 215 53 616 29 62 653 70 754 800 966 61 222 570 616 724 826 62021 144 88 278 316 63017 23 159 528 70 726 926 64062 71 132 328 449 527 740 91 95 849 901 65207 889 66013 184 262 302 47 68 446 582 849 986 67126 263 343 573 788 68299 415 81 90 537 618 872 69214 308 514 73 79 87 760 929 47 95 942 70031 77 413 587 730 65 71157 634 85 844 933 72196 72196 220 442 47 588 764 814 96 73005 62 201 59 400 992 74007 35 780 864 75074 229 62 91 334 448 610 998.

76050 325 706 44 827 77160 62 65 441 59 79 83 89 505 669 848 973 78210 320 671 86 94 709 33 972 79356 64 406 751 79 984 80089 128 302 640 775 81096 159 60 309 45 82 469 596 643 799 892 82055 239 389 423 607 42 802 951 83202 51 257 70 679 807 84001 128 277 3855 551 79 610 37 766 85 85034 74 133 553 94 610 758 909 82 86074 142 568 72 810 64 87036 37 282 365 447 92 684 98 720 904 88081 83 124 257 371 458 527 89000 551 93 175 78 311 447 64 5519 670 740 75 977 90299 309 66 769 899 905 91057 314 491 799 877 92085 102 207 49 302 83 419 93002 154 57 213 26 520 25 678 726 957 94091 244 661 723 33 945 95010 169 587 671 984 90 96048 1255 247 508 84 622 896 964 94 97011 755 95 114 230 64 421 48 693 763 78 909 98341 666 728 70 87 871 99473 652 704 837 100065 154 250 331 99 400 867 906 30 101204 65 318 436 670 720 102023 148 66 299 377 735 90 814 103267 595 644 714 33 873 104303 58 584 87 605 13 772 974 105010 134 318 475 651 711 54 871 931 106025 96 129 98 455 769 810 947 107098 187 298 386 579 982 108045 75 251 54 323 99 629 63 731 53 815 33 99 109194 293 359 424 65 610 16 110027 88 294 463 616 111173 257 387 425 602 11 59 98 863 9155 112008 145 94 411 634 761 828 113544 673 720 816.

114096 198 733 115138 68 88 253 831 116128 77 231 48 415 515 646 721 79 80 17070 673 741 824 25 90 97 996 118013 520 23 788 887 119056 90 665 715 912 120092 129 85 230 384 438 49 65 753 844 121145 565 610 770 90 974 12203 47 282 518 77 750 72 821 38 941 48 123018 53 139 323 424 618 79 711 999 124105 201 362 69 805 90 125182 247 326 637 85 843 997 126015 143 207 401 583 662 779 920 54 127019 26 653 60 128018 29 152 99 405 29 31 90 717 801 129287 473 505 972 130007 101 43 216 463 93 739 890 947 131263 439 541 76 801 996 132009 20 105 21 41 212 78 326 687 731 133035 71 92 167 89 339 523 974 134494 709 135006 39 65 256 384 434 74 608 44 136057 238 325 565 717 46 137256 76 383 789 138042 68 233 603 59 898 991 139043 157 71 200 06 13 42 790 829 140085 203 510 57 614 719 802 26 141197 270 347 460 99 536 67 142119 41 99 461 76 895 978 143072 196 348 73 434 743 815 144000 407 08 53 666 819 66 74 919 69 145006 227 50 478 654 146099 286 363 477 531 65 81 851 147128 481 990 94 148299 338 67 524 76 611 768 149154 337 448 603 66 837 944 65 150228 35 564 722 27 75 946 151257 483 520 706 32 936 97 152005 82 570 635 718 955 153065 297 444 506 681 154420 590 638.

יעקב פראנק, דער פאלשער משיח

(ענדע פון 8-טע זייט).

לעמבערגער קלויסטערס מודיע געווען, אַז אויף אַ בעשטימטען צייכען דורך קלינגען אויף די גלעקער וועט זיך אָנהויבען די שמד־צערעמאָניע פון די פראַנקיסטען. אויך האָט גלח מיקולסקי אויפגעפאָדערט די קריסטען בייצושטייערן מיט נדבות פאַר די פראַנקיסטען.

פראַנקס פעיהאַלטען זיך אין לעמבערג איז געווען געהיימנישפול. לפנים איז ער נוטה געווען צו שמד זיין און אָפען צוגערעדט דערצו זיינע מענשען, זאָגענדיג כסדר: „עד כאן"!

אין געהיים אָבער איז ער אַוועק מיט זיין סוויטע פון 12 „ברידער" און 12 „שוועסטער" אויפ'ן „יוסאָקי זאַמעק" און דאָרט אָפּגעהאַלטען צערעמאָניעס, וואָס האָבען גאָרנישט קיין שום שייכות מיט דער רעליגיע. וואָס ער האָט געדאַרפט אָננעהמען.

דערווייל איז אין לעמבערג אויסגעבראָכען אַ מגפה צווישען די פראַנקיסטען, פון וועלכע עס זענען אויסגעשטאָרבען מעהרערע מענשען. פראַנק האָט זיי געלאָזט פאַרן טויט אָפּ'שמד'ען.

דער גלח מיקולסקי, וועלכער האָט דערמאָהנט די פראַנקיסטען זייער פליכט זיך צו שמד'ן. האָט אויך געוואָלט פראַנקען דערצו בעוועגען, האַלטענדיג איהם פאַרן פיהרער פון דער סעקטע. פראַנק אָבער האָט געצעגעי'ט די שמד מיט פערשידענע תירוצים, ער האָט צוגעזאָגט צו שמד'ן זיך אין וואַרשא און געשטעלט פערשידענע בעדינגונגען.

צווישען די גלחים האָט מען זיך אָנגעהויבען בעציהען צו פראַנקען מיט חשד. ענדליך, האָט גלח מיקולסקי געוואָרענט פראַנקען, אַז ער זאָל נישט פאָהרען מעהר דעמאָנסטראַציוו מיט זיין קאַרעטע איבער דער שטאָט, ווייל דאָס פאַסט נישט פאַר אַ מענשען, וועלכער לעבט פון נדבות.

אויף דער פאָדערונג פון די גלחים, האָבען די פראַנקיסטען אָנגעהויבען אויס'שמד'ען זיך מיט זייערע ווייבער און קינדער. פראַנקען האָט גלח מיקולסקי צוגעשמד'ט, ערלויבענדיג איהם אַרויסצופאָהרען קיין וואַרשא, וואו ער זאָל זיך ענטגילטיג שמד'ן מיט'ן קעניג אַלס "קוואַטער". די משומדים האָבען בעקומען קריסטליכע נעמען און די צונעמען פון זייערע „קוואַטערס".

ווי אַזוי עס האָט זיך געענדיגט דער וויכוח אין לעמבערג. דערציבער דערצעהלען די יודישע מראָ ביקעס און דער אָפיציעלער פראָטאָקאָל פון די גלחים. עס איז אָבער פאַראַן אַ סתירה צווישען די ביידע. אַזוי למשל, דערצעהלט ר' חיים ראַפּאַפּאָרט פון אָסטראָה, וועלכער איז אַן אייניקעל פון ר' חיים הכהן פון לעמבערג אין ספר „שו"ת מים חיים" (זשיטאָמיר תרי"ז): אבותינו ספרו לנו, כי זה הגאון היה נבחר להתיכח לפני נסיכים שלטונים, שרי המדינות והגמונים, וינצחם בעזר שדי ברוב חכמתו, עד אשר השרים תמהו על גודל תבונתו, ויהללוהו לאמור, אין זה כי אם רוח אלוקים נוססה בקרבו".

דאַגעגען דערצעהלט דער אָפיציעלער פראָטאָקאָל, אַז נאָכ'ן ענדיגען דעם וויכוח האָט פראַנק געדרשנ'ט אין דער קירכע וועגען דעם גרויסען זיג פון זיינע מענשען. דערנאָך האָט דער בישאָף מיקולסקי ערקלערט, אַז די פראַנקיסטען האָבען געזיגט אין אַלע זייערע פונקטען, אַ חוץ אין דעם פונקט וועגען „עלילת דם", וועלכער דאַרף נאָכאַמאָל בעהאַנדעלט ווערען פונ'ם קאָנסיסטאָריאַל־געריכט אונטערן פאָרזיץ פונ'ם פויפסטליכען נונציוס.

מען דאַרף דערביי צוגעבען, אַז יודישע שתדלנים האָבען זיך בעמיהט ביי דער רעגירונג אין וואַרשא און אין רוים, אַז דער בלוט־בלבול זאָל ווערען אָפּגעלייקענט. פון רוים איז אָנגעקומען אַ שריפטליכע ערקלערונג פון קאַרדינאַל גאַנגאַנעלי (דער שפעטערער פויפסט קלעמענס דער 14־טער) אַז די „בלוט־בעשולדיגונג געגען יודען איז אַ פערברעכערישער ענין, וועלכער ברענגט מעהר שאָדען די קריסטען, ווי צו די יודען".

דאָך זענען באַלד נאָכ'ן אָנקומען פון דער שריפטליכער ערקלערונג פאָרגעקומען עטליכע בלוט בלבולים מיט פעראורטיילונגען פון אונשולדיגע יודען, ווייל די ריכטער האָבען געגלויבט פראַנקס ערקלערונגען און זיי האָבען נישט געוואָלט זיך רעכענען מיט דער מיינונג פון קאַרדינאַל גאַנגאַנעלי.

פראַנקס שטערען האָט אָבער אָנגעהויבען בלאַס צו ווערען. עס האָט נישט געהאָלפען זיין שמד און די פראַנקיסטען האָבען זיך אויסגעמישט מיט דער גרויסער קריסטליכער וועלט, נישט איבערלאָזענדיג פון זיך קיין שום זכר. אַ חוץ זייער שנאה צו יודען, וואָס איז איינגעגראָבען אין די הערצער פון די אייניקלעך פון די פראַנקיסטען ביז צום היינטיגען טאָג.

(סוף).

דורך 24 שעה

גיט אַרויס די גאַרדעראָבע און וועש קאמפלעט אויסגעפּרעסט
Pośpieszna Parowo-Elektryczna
CHEMICZNA PRALNIA i FARBIARNIA
„Błyskawica"
Sp. z ogr. odp.
צענטראַלע — 9 אנראַדאַווא 9
פיליעס: 44 פּיעטריקאווער 44
הילינסקיעגאַ 246.
נידריגסטע פרייזען!
בעם: שנעלער-רעפּאַראַטורען אויפן אָרט

ד"ר מ. וואָלפסאָן

אינערליכע קראַנקהייטען
נאַרוטאָוויטשאַ 2
טעלעפאָן 128-83
נעמט אָן פון 12 ביז 2 און פון 6 ביז 8 אָוונט

Dr.
E. Gutman
קינדער-קראַנקהייטען
נעהמט אָן טעגליך 3.30 — 530
גדאַנסקאַ 26 טעל. 17300.
7992

Z prawami gimnazjów państwowych
Gimnazjum Żeńskie oraz Szkoła Powszechna Żeńska
(według wymagań nowego ustroju szkolnictwa)
EUG. JASZUŃSKIEJ-ZELIGMANOWEJ
Południowa 18, tel. 168-82
אַנשרייבונגען נעהמט אָן דער סעקרעטאַריאַט טעגליך אין די לערן-שעה'ן פון 4—6 נאָכמ. אין די 1-טע קלאַס פון דער פאָלקסשול ווערען אנגענומען קינדער פון 6 יאָהר אָן. שכר-לימוד אין דער פאָלקסשול אין פערהעלטנעס.
DYREKCJA.
ביים גימנאַזיום איז טעטיג אַ טעכנישע־אינגעניורישע פאַרשולע.
אַנטריטס-עקזאַמענס לויט לעקציע-סיסטעם הויבט זיך אָן דעם 4-טען יוני ד. י.

בעקאַנטמאַכונג.

דערמיט טייל איך מיט דער ג' קונדשאַפט, אַז דער ערשטקלאַסיגער
הערן=שניידער=אטעליער
מ. ד. קוטשינסקי
האָט זיך איבערגעטראָגן אויף
28 זאַוואַדזקאַ 28 פראָנט 1-טער שטאָק
איך נעהם אָן בעשטעלונגען צום פריהלינג= און זומער-סעזאָן לויט די לעצטע אויסלענדישע מאָדעלען. רעעלע בעהאַנדלונג! פּינקטליכע אויספיהרונג! מעסיגע פּרייזען! און כ'בעט די ג' קונדשאַפט מיך אויך ווייטער צו בעזוכען.
מיט אכטונג
M. D. Kuczyński
28. Zawadzka 28.

שניידט אויס דעם קופּאָן!

קופּאָן
ביי בעשטעלונג איז 25 פּראָצ. ביליגער אויף אַלע אַרט פאָטאָגראַפיעס.

אויף אַלע אַרט
פאָטאָגראַפיעס
פון פאָטאָ - אויטאָמאַט ביז די גרעסטע בילדער
איז מיט דעם קופּאָן 25% ביליגער
די פּרייזען זענען זעהר נידעריג. איך נעהם אויך אָן פערשידענע גרופּען אויסער'ן אַטעליער, ווי אינסטיטוציעס, האָכצייטען, באַנקעטען, צו זעהר ביליגע פּרייזען.
מיט אכטונג אַרט.=פאָטאָגראַף. אַטעליער
„POLONIA"
לאָדז, 11 יערזשעגאַ 11
אינה. דיפּל. פאָטאָגר. גוטערמאַן
צופאָהר מיט'ן טראַמוואַי נומער 3.

זיכערע הילף און אַ רפואה!

אָהן אָפּעראַציע, אָהן בלוט, אָהן אַ מעסער און אָהן בלוט-פערגיפטונג פאַר קראַנקע אויף ברוכען, פאַר מענער, פרויען און קינדער, פערשידענע קאַליבערס אין גוט, פאַר הויקערס און פיס.

פערלאָזט נישט די קראַנקהייט, ווייל דער ווינקעל-ברוך ווערט גרויס ווי אַ מענשען קאָפּ, און עס פאַלט אַרײַן אין דעם פיס איז דער קראַנקער אין אַ גרויסער סכנה, דורך פערדרייען די קישקעס ווערט ער בראַנדיג און שטערבליך. ספּעציעלע גומענע הייל-באַנדאַזשען בעזייטיגען זיכער דעם שווערסטען ברוך, אויך פאַר הויקערס, ליימונגען ספּעציעלע הייל-גאָרסעטען און אַפּאַראַטען פאַר פערקרומטע פיס און פלאַטפיס, ווי אויך קינסטליכע גומענע פיס.
עמפּפאַנגס טעגליך פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.
איינציגע אָרטאָפּעדישע הייל=אַנשטאַלט
Specialist Dyr. J. RAPAPORT, Ortoped
פון לעמבערג
Łódź, Wólczańska 10, tel. 221-77, front, parter.
בעמערקונג: דאָס פּערזענליכע ערשיינען פון די קראַנקע איז אונבעדינגט נויטיג. דיפּלאָמען האָבען אויסגעשטעלט פאָלגענדע אוניווערזיטעטס - פּראָפעסאָרען: פּראָפ. ד"ר באַראַנטש, פּראָפ. ד"ר י. מאַרישלער, פּראָפ. ד"ר בר. קיפּראַנאָווסקי און אויך אַנדערע.
מיר נעהמען אויך אָן פערזיכערטע פון דער קראַנקען-קאַסע.

דאַנקזאַגונג.

איך דריק אויס מיין בעסטען דאַנק דעם ה' דיר. י. ראַפּאַפּאָרט, וואוינהאַפט אין לאָדז, וואָלטשאַנסקאַ 10, פאַר בעפרייען מיך פון אַ געפאַהר, וואָס האָט מיך געדראָהט פון אַ ברוך-קראַנקהייט, אויף וועלכער כ'האָב געליטען אַ סך יאָהרען.
Arwil Dresler, Łódź, ul. Wschodnia 4, II p.

דער פריזיר=אַנשטאַלט
א. ליבעסקינד,

16 קילינסקיעגאַ 16
מאַכט בעקאַנט, אַז צוליב דעם הערשענדען קריזיס און אַרבעטסלאָזיגקייט האָב איך בעשלאָסען צו רעדוצירען די פּרייזען ביז צום מינימום:

פאַר דאַמען		פאַר מענער	
שערען	40 גר.	ראַזירען מיט קאָל. וואַסער	15 גר.
אָנדולאַציע	50 .	שערען	25 .
קאָפּ-וואַשען און טרוקענען	80 .	קאָפּ-וואַשען	50 .
		עלעקטרישער מאַסאַזש	50 .

פרייטאָג, שבת און ערב יום-טובים:

פאַר דאַמען		מאַניקיר	פאַר מענער	
שערען	50 גר.	50 גר.	ראַזירען	20 גר.
אָנדולאַציע	70 .		שערען	30 .

פאַרבען האָר און ברעמען מיט „HENNE", צו מינימאַלסטע פּרייזען. נישט קאָנקורירט אויף די ביליגע פּרייזען ווערט די אַרבייט אויסגעפיהרט דורך ערשטקלאַס. פאַכמענער. קומט און איבערצייגט אייך!

לאָוניק אלכסנדר יואל

חברה למסחר א"י פולניה רחוב לילינבלום 35 תל-אביב
פערטרעטונג אין פוילען
לאָדז, קילינסקיעגאַ 49
טעלעפאָן 138-29
ערלעדיגט אַלערליי האַנדעלס=ענינים אין א"י
פערטרעטונגען, אַריין-פערקויף און קאָמיסיאָן-געשעפט.
אינפאָרמאַציעס וועגען קאָלאָניזאַציע, פּאָמעראַנצען-פּלאַנטאַציעס און בוי-פּלעצער אין ירושלים, תל-אביב, חיפה א.א. ערטער אין א"י
זיך ווענדען יעדען טאָג אַ חוץ פרייטאָג און שבת פון 5–8 נאָכמ.

ענדליך איז פערשוואונדען מיין פערעלטערטער אַדטשיסך, ווייל „Lebewohl" איז אַן אונגעוועהנליך מיטעל.
צו פערלאַנגען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטייקען. אויסדריקליך „LEBEWOHL" אינלענדישע אויסאַרבייטונג.

אוועק מיט אונזער פיינד!
קאַרעלוכען, פרוסאַקעס און אַלערליי חערים — דאָס זענען די פערשפּרייטער פון אַנשטעקונג און פערשידענע אַנשטעקענדע קראַנקהייטען.
מ'דאַרף זיי גרינדליך פערניכטען מיט דער הילף פון ערפּראָבירטען און ראַדיקאַל מיטעל ווי עס איז
„FLURIN"
צו פערלאַנגען אין אַלע אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטייקען.
1675

LABORATORJUM
Chemiczno-Bakterjologiczne
Inż. Chem. F. SZAC
ul. Piotrkowska 37, tel. 230-85
Wszelkie analizy przemysłowe: wody, mydła, oleiny, artykułów spożywczych i t. d.
Ceny zniżone

לעהרערין

גוטע פּעדאַגאָגין ערטיילט אונטעריכט פאַר דערוואַקסענע, אין פּוילישע, יודישע און דייטשע שפּראַכן צו ביליגע פּרייזען.
לאַסמאַן,
בזשעזשינער 15.

לעטשניצע

פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען און דענטיסטישער קאַבינעט
11 בזשעזשינער 11
טעלעפאָן 137=63
עס נעמען אָן דאָקטוירים ספּעציאַליסטען שיפּמאַן, וואַלינסקי, שמירגעלד, קערשנער, שמערלאָווסקי, סלאָבאָדסקי, זאַלצוואַסער, איציקזאָן, קראַסאָווסקי, יאַקובזאָן און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ.
ווויזיט 3 זל.

נעכסטע עקסקורסיע
קיין ארץ=ישראל
דעם 6-טען משערוויעץ
אינפאָרמאַציעס טעגליך פון 10 ביז 1 און פון 4 ביז 6 נ.מ. אין „תוצרת ארץ ישראל" לאָדז, שרודמיעסקאַ 3.

Starszy Felczer
L. Tajchner
Stary Rynek 12
שטעלט פּאָקען און גיט אַרויס בעשייניגונגען. — טעגליך פרישע קראָוויאַנקע.

Dr. med.
Z. DATYNER
אוראַלאָג
ספּעצ. פון נירען-, בלאָז-און אורין-קראַנקה'
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.
נעהמט אָן פון 8–9 פריה און 3–6 אָוו.

Dr. med.
M. TAUBENHAUS
פרויען-קראַנקהייטען און אַקושעריע
זגערזשער 11, טעל. 246-09
נעהמט אָן פון 4–8 אָוונד.
1789

וויכטיג נייעס



פאַר סוויטער=און טריקאָטאַזש=פאַבריקאַנטען!
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, אַז צום סעזאָן איז מיין הורט-גאַלאַנטעריע-געשעפט פערזעהן מיט אַ גרויסען אויסוואַל פון די בעסטע
„RECR" און „STAG"
ריין-פערשלוסען
צו אויסערסט ביליגע פּרייזען.
קומט און איבערצייגט אייך!
מיט אכטונג
H. APFELBAUM
Łódź, Północna 2,
tel. 142-92.
P. K. O. 68-384.

די צוהערניש **זעליגער** זאוואדזקא 6
האט נאך א גרינדליכן רעמאנט ערעפנט איהר פיליע א. ג.
און עמפפעהלט די בעקאנטע מיט זייער גוטסקייט געבעקס. ס'ווערן אויך ארויסגעגעבן פריהשטיקען, וועגעטאריאנישע מיטאגען און אווענדברויטען צו צוגענגליכע פרייזען

„EDEN" אויף **פיעטריקאווער 317**
נעבען דער פאביאניצער טראמוואי-סטאציע

בחנם
קען יעדער קויפענדער אלס פרעמיע בעקומען שטאף אויף אנ'אנצוג אדער פאלטען פון די פארנעהמסטע ביליצער און טאמאשאווער פאבריקען — אין לאגער פון

C. GITLIN
אויף **שרודמיעסקא 7**
צוגענגליכע פרייזען! גינסטיגע בעדינגונגען!
אויס'ן מעלקאנישן פערלאנג, ווערט ארויסגעשיקט קאלעקציעס אהיים.

LUNA
היינט פרעכטיגע פרעמיערע! פון שענסטען פילם פון סעזאן, וואס צייכענט זיך אויס מיט אונגעוועהנליכער אויסשטאטונג
דער ליבלינג פון פובליקום **BEBE DANIELS** און **EVERET MARSCHAL** טענער פון דער „מעטראפאליטאן"-אפערע אין ניו-יארק.
120 Follies Girls ווי אויך קארעז, סטאטיסטען א. א. וו.
„DIXIANA"
פאסצינירענדע קלאנג-מייסטערווערק, וואס פערפישופט מיט די שעהנע מעלאדיעס, אין די הויפטראלען
120 Ziegfield הנהלה-בילאטען גילטיג
אויסערן פראגראם.

ADRIA
גלובנא 1
Anna Ondra אין פילם א.ג.
ווי אויך **„נאך סיביר"**
10-ער ליבהאבער
אין דער הויפטראלע **Jadwiga Smosarska**
METRO
2 פשעיאזד 2

RAKIETA
קלאנג-קינא
שענקעוויטשא 40
טעל. 141-22
איינציג קלאנג-קינא-טעאטער אין גארטען.
היינט און פאלג. טעג ! ענטציקט – פערכשופט – איבעררעשט
Janet GAYNOR, Charles FARRELL
אין פאסצינירענדען פילם פון **Fox**
„בלויע ראפסאדיע"
אויסערן פראגראם ???
בעמערקונג : לוקסוס-טעאטער-געביידע פערזיכערט אין פאל פון אנ'אונגינסטיג וועטער.
אויסערן פראגראם ???

CORSO
היינט און פאלגענדע טעג ! גרויסער רעוועלאציאנס-דאפעלטער פראגראם ! צום ערשטען מאל אין לאדז !
1) **געשפענסט** פון דער **אריזאנע** ! 2) **אין שאטן** פון די **וואלקנקראצערס**
אין די הויפטראלען: Cecylja Parker i George O'Brien | אין דער הויפטראלע: Myrna Loy די העלדין פון פילם „מענש-מאלפע"
אויסערן פראגראם : אינלענדישע און אויסלענדישע אקטואליטעטען.
אנהייב אין געוועהנליכע טעג 4 א זייגער נאכמיטאג
שבת און זונטאג 12 בייטאג. פרייזען פון די פלעצער אויף די ערשטע סעאנסען 45 גר. און 54 גר. אויף די איבריגע 54 גר. 85 גר. און 1.09

קלאנג-קינא-טעאטער
PRZEDWIOŚNIE

זשעראמסקיעגא 74/76
(רוג קאפערניקא)
אנהייב 4 א זייגער נאכמיטאג, זונטאג און יום-טוב 2 א זייגער בייטאג.
גלענצענדע פראדוקציע „Paramount" א.ג.
אויסגעהעגדע פלאמען
אין די הויפט-ראלען: **Clive Brook i Claudette Colbert** נעכסטער פראגראם: „דאס געהיימניש פון א סעקרעטארקע" אין די הויפט-ראלען: **Claudette Colbert i Herbert Marshall**
פרייזען פון די פלעצער: I פלאץ 1.09 זל., II פלאץ – 90 גר., III פלאץ – 50 גר. הנהלה-קופאנען צו 70 גראשן.
דעם 20-טען מאי, 12 בייטאג און 21-טען, 11 פארט. — פאר יוגענד. פרייזען פון די פלעצער צו 20 גראשן.

קליינע אנאנסען

פרייז פון אנ'אנאנס ביז 15 ווערטער נור 1 זלאטי

ראקאלען

אוועקצוגעבען א וואוינונג פאר א סטאלקאטאר מיט גוטע בעקוועמליכקייטען און א באזונדערער איינגאנג. ציגעלנאס 37 וו. 25. 2657

לאזשי פאר 2 אנשטענדיגע יונגעלייט אדער פרויליינס מיט אלע בעקוועמליכקייטען אויף חורש-געלד, צו ערפאהרען וואסכאדניא 56 ביי זעליג ערליך. 2692

סוחרים פון קאלאניאל!

געלעגענהייטליך צו פערדינגען

א געוועלב

מיט אנ'איינגעפיהרטע קונדשאפט אין צענטרום פון קאלאניאל בראנזשע.
צו ערפאהרען וואסכאדניא 4 ביי דאווידאוויטש.

איבערצוגעבען א גרויסען פראנטאווע קעלער געאייגנעט אויף א געשעפט אדער פאבריקס-לאקאל, צו ערפאהרען נארוטאוויטשא 3 ביים טאפעצירער ערליך. 2608

איבערצוגעבען אנ'איינגעפיהרטע בודקע אויף זאדע-וואסער און לאדעס. צו ערפאהרען אין אדמיג. 2616

א בעקעריי אויף א זומער-וואוינונג איז פון זאפארט אוועקצוגעבען, צו ערפאהרען גליבנא 5 וו. 10. 2650

צו פערמיטען ענצעלנע צימערן און קיכען, 2 צימער און קיכען מיט עלעקטרי, וואסער און אבגוס. צו ערפאהרען ביים ווירט זגערזשער 43/45. 2582

א פאבריקס-לאקאל מיט קראפט און טראנסמיסיע אויף זשעראמסקא 8 אין 2 הויף איז זאפארט צו פערמיטען, ערפאהרען ביי זיסמאן אגראדאווא 9. 2612

2 מיט א קיך, 7 פענסטער, 1. שטאק, פראנט, מיט באלקאן, אדער 1 שטוב מיט קיך, ווי אויך ענצעלנע ציםער, צו פערדינגען דירעקט ביים ווירט, ברזשעזשינער 57a.

צוליב אפרייזע פערקויף איך צוויי מאנגלען אין גוטען צושטאנד, צוזאמען מיט דער וואוינונג פאר א צוגענגליכען פרייז, קילינסקיעגא 18. וואוינונג 18 א שעהנער פארטער לאקאל.

צו פערמיטען 2 צימער און קיך און איין צימער און קיך, עווענטועל 4 צימער און קיך, ווי אויך א לאדען און צימער, וואלבארסקא 10, צו ערקונדיגען זיך ביים ווירט.

Biuro „Lokumpol" Piotrkowska 55 עמפפעלט : אלע ארט וואוינונגען, מעבלירטע-צימערן, געוועלבער, פאבריקס און האנדעלס-לאקאלן אהנע אבשטאנד-געלד.

צו פערמיטען 2 צימער און קיך און איין צימער און קיך, עווענטועל 4 צימער און קיך, ווי אויך א לאדען און צימער. וואלבארסקא 10, צו ערקונדיגען זיך ביים ווירט. 2563

צו פערמיטען איינצעלנע שטיבען אויף פראנציסקאנער גאס. צו ערפאהרען אויף פאמארסקא גאס 35, ביי א. צוקערמאן

מ'זוכט ארבייט

א יונגערמאן מיט עטליכע הונדערט זלאטעס קויציע זוכט א פאסטען אין א געשעפט אדער פאבריק. די אדרעס צו ערפאהרען אין אדמיג. 2644

קויף און פערקויף

ס'ווערט געזוכט צו קויפען א קרייץ-מאשין, צו וויסען געבען י. קאוואלסקי, סאלנא 12. 6441

געלעגענהייטליך צו פערקויפען א לעכער-מאשין זינגערס און א קנעפעל-מאשין, ווי אויך אוניאן-ספעציאל-מאשינען און קראפט-טישען. פינקעלמאן, וואלבארסקא 3. 2641

פרייע פאסטענס

עס ווערט געזוכט א יונגעל ביים פריזיער וואס האט שוין פראקטיק, אדער א לערן-יונגעל מיט בעקעסט-גונג, אויך אנדולאציע ארבייטער (רין) ביי באהאריער זאכאדניא 68 פארטער, פראנט, אונטער די טרעפען. 1633

א לערן-יונגעל צו א דאמען-שניידער ווערט געזוכט. צעגעלניאנא 20 וו. 22. 2647

עס ווערט געבויכט א פערקויפערין פון דער שיך-בראנזשע. צו ערקונדיגען זיך עדעלמאן, נאוואמיעסקא 22. 2698

אינקאסענטען מיט גוטע רעפערענצען קאנען זיך מעלדען אין תלמוד תורה של הרב מייזל זצ"ל טעגליך פון 10 ביז 2 שוו. יאקובא 6. 2621

ס'ווערען געזוכט וועש-נייהערס אויף ארויסצוגעבען ספארט-העמדער אויף עקספארט. צו ערפארען ביי לעווקאוויטש, פאמארסקא 53, פר. 3 שטאק, וו. 29.

נייהערינס אויף עקספארט-העמדער ווערען געזוכט. Pracownia bielizny Al. Kościuszki 10, Cheller. 2600

א נייהער און א פאמאצניק-ריכטער ווערט זאפארט געזוכט. לימאנאווסקיעגא 24, ביים שטעפער. 2646

עס ווערען געזוכט קוואליפיצירטע קאן-ארבייטער. צו ערפאהרען ביי פארבער, פאמארסקא 81. 2637

א יונגעל פיזיש און גייסטיג געזונד וועלכער וויל לערנען דאס שילדערמאלער פאך קען זיך מעלדען מ. דזאלאשינסקי שילדערמאלער שוו. יאקובא 5, בעמ. קומען נאר פון 12–7 אוו.

נייהערינס אויף עקספארט-העמדער ווערען געזוכט.
Heller. Piotrkowska 116, m. 48

פערשידענעס

פעריזאנען, וועלכע ווילען פאהרען נאך פאריז קענען זיך מעלדען אין זייער אייגענעם אינטערעס
Narutowicza 7 m. 17 lewa ofic. 2 piętra od 5 — 7. 2605

סטארשי פעלדשער נ. ניימאן וואוינט 6-טער שערפען (בענעדיקטא) 43 געהט צו קראנקע צו יעדער צייט. פרישע פיאווקעס. 2698

PLUSKWA

Żywi się wyłącznie krwią ludzką Tylko świecą Fumigatore-Cunex wytępisz bez powrotnie pluskwy. Przeprowadzamy dezynfekcje mieszkań pod gwarancją.
Zgłoszenia: Cegielniana 18 tel. 173-97

שייטלען מיט פאריזער שריגדען צו בעקומען ביליג ביי פרוי ראזענבערג, קאמיענא 5. 2615

אנאנסען-פרייז פאר א מילימעטער-שורה
פאר'ן טעקסט—8 גר. פריימאג און ערב-יו"ט—24 גר. אין דער זייט. שפאלטען
אין טעקסט—40 . . . . . 60— 4
זאכ'ן טעקסט—12 . . . . . 18— . . . .
אויסער דער שטאט 50 פראצ. טייערער, אויסלאנד 100 פראצ. טייערער. מעלדונגען — 10 גר. א ווארט

נעקראלאגען—20 גר. א מ/מ (אין דער זייט, שפאלטען)
קליינע אנאנסען ביז 15 ווערטער 1 זל. יעדעס ווייטערדיגע ווארט — 10 גר.

אבאנאמענטס-פרייז :
אין לאדז — 4 זלאטעס א חודש מיט אפטראגען א היים. אויף דער פראווינץ — 5 זל. א חודש ; אין אויסלאנד 7 זל. אמעריקא—1 דאל.

פעהלערן, וועלכע ענדערן נישט פרינציפיעל דעם אינהאלט פון דער אנאנס בערעכטיגען נישט צום איבערדריקען די אנאנס אדער צוריקצוצאהלען פאר דעם אנאנס

פאר'ן אינהאלט און טער מין פון די אנאנסן איז דער פערלאג נישט פעראנטווארטליך. די אדמיג. איז אפען בייטאג און ביינאכט.

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman
Czcionkami i druk. rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.